STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11507

DI ZALTS FUN LEBN

Ayzik Platner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1415

[redacted]

אײַזיק פלאַטנער

די זאַלץ פון לעבן

אויסגעוויילטע
ווערק

פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל״
מאָסקווע, 1976

839.09
P

С (Евр.)2
П 37

אײַזיק פּלאַטנער איז אַרײַן אין דער סאָ־
וועטישער פּאָעזיע מיט זײַנע לידער וועגן מי
און קאַמף פֿון די אַרבעטנדיקע פֿון דער קאַ־
פּיטאַליסטישער שטאַט, ווו ער האָט געלעבט
אין די יאָרן פֿון זײַן יוגנט.

באַנאַנד מיט די לידער וועגן „קלײנינקע
מענטשעלעך", וואָס קעמפֿן פֿאַר זײער באַ־
פֿרײַונג, זײַנען אין דער דאָזיקער זאַמלונג
אײַנגעשלאָסן לידער וועגן דער סאָוועטישער
ווירקלעכקײַט, וועגן די העראָישע אופֿטוען
פֿונעם דיכטערס מיטצײַטלער, וועגן דעם זו־
ניקן ווײַסרוסלאַנד, ווו פּלאַטנער האָט גע־
לעבט און געשאַפֿן פֿונעם 1932 יאָר, לידער
וועגן דער נאַטור, ליבע, פֿילאָסאָפֿישע באַ־
טראַכטונגען...

זײַנע פּאָעטישע פֿאַרטראַכטן זײַנען שטענ־
דיק אײגנאַרטיק געלײזט.

П $\frac{70403-026}{083(02)-76}$ 310—76

אײַזיק פּלאַטנער

די זאמלונג פון אײַזיק פּלאטנערס אויסגעווײלטע ווערק, וואָס ווערט איצט פאָרגעלייגט דעם לייענער, גיט א פולע פאָרשטעלונג וועגן דעם דיכטער און וועגן זײַן פּערזענלעכקײַט — וועגן אײַזיק פּלאטנער, דעם שעפער און דעם מענטשן.

אײַזיק פּלאטנער איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן אין 1895. זײַן פאָטער איז געווען א שנײַדער. צו עלף יאָר האָט דער קומענדיקער דיכטער גענומען לערנען די מלאָכה פון שנײַדערײַ.

גאָר פרי האָט פּלאטנער אָנגעהויבן שרײַבן לידער. דעביוטירט האָט ער אין 1919 אין די ווארשעווער „ליטערארישע בלעטער". אין א יאָר ארום פארלאָזט ער פּוילן און פאָרט אריבער קיין ליטע, באזעצט זיך אין קאָוונע, ווו ער ארבעט אלס שנײַדער און זעצט אויך פאָר שרײַבן לידער, וועלכע ער פּובליקירט אין זשורנאל „די ווייספע".

אין יאָר 1927 פאָרט פּלאטנער אריבער אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע. דאָרטן שטודירט ער אין א לערער־סעמינאריע; ער אונטערריכטעט יידישע שפּראך און ליטעראטור.

אין אמעריקע האָט פּלאטנער גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין געזעלשאפטלעכן לעבן. באזונדערס איז ער געווען אקטיוו אין די קולטור־קרײַזן. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון פּראָלעטפּען. אין 1930 דערשײַנט א. פּלאטנערס ערשטער בוך לידער „וואָס דער טאָג דערציילט", ווו עס זײַנען אײַנגעשלאָסן די לידער „יעצירע", „סקווערן". זײַן קינדער־פּאָעמע „וואָס דער טאָג דערציילט" איז אופגעפירט געוואָרן אין קינדער־קעמפּ (קינדער־לאנד). דער דיכטער פלעגט אָפט ארויסטרעטן אף מיטינגען, פארזאמלונגען, לייענען זײַנע שאפונגען. די ליד „צו די כאווײרים אין סאָוועטנפארבאנד" האָט ער אָפט פאָרגעלייענט אין גרויסן מיטינג־זאל „מעדיסאָן סקווער גארדען". דער ארבעטער־עולם האָט באזונדערס ווארעם אופגענומען די לעצטע שורעס פון דער ליד:

אז דאָ אױף האָדסאָן זאָל אַ זונג טאָן,
װי עס זינגט בײַ אײַך אױף דניעפּער;
אין אונדזער ליד עס זאָל אַ קלונג טאָן,
װי עס קלינגט בײַ איציק פעפער...

אין יאָר 1932 איז פלאַטנער געקומען קײן סאָװעטנפאַרבאַנד. פונדאַנען פלעגט ער שיקן באַריכטן אין דער קאָמוניסטישער צײַטונג „פרײַהײַט“ און אין זשורנאַל „האַמער“. אין 1932 מאַכט ער אַ רײַזע איבערן אוראַל צוזאַמען מיט אַ גרופּע שרײַבער, צװישן װעלכע עס זײַנען געװען לױ אַראַגאָן, עלזע טריאָלע און אַנדערע. זײַנע באַריכטן װעגן דער רײַזע זײַנען געװען געדרוקט אין זשורנאַל „אונדזערע דערגרייכונגען“ («Наши достижения») און אין דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּרעסע. אײַזיק פלאַטנער האָט גענומען אַן אַקטיװן אָנטײל אין ליטעראַרישן לעבן, ער איז אַרױסגעטראָטן מיט זײַנע װערק אױף אָװנטן אין אַ רײ שטעט מיט אַ באַדײַטנדיקער ייִדישער באַפעלקערונג.

אין 1933 האָט אײַזיק פלאַטנער זיך באַזעצט אין מינסק, װוּ ער װערט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין װײַסרוסישן ראַדיאָ־קאָמיטעט. אין יענער צײַט זײַנען דערשינען זײַנע ביכער: „פון צװײ לענדער“, „פון אַמעריקע“, „אַ פּאָעמע װעגן שנײַדער“, „זון אױפן שװעל“.

אין דער צײַט פון דער מילכאָמע האָט אײַזיק פלאַטנער געלעבט אין סאַראַנסק. װי נאָר װײַסרוסלאַנד איז באַפרײַט געװאָרן, האָט ער זיך אומגעקערט קײן מינסק. נאָך דער מילכאָמע איז אין „עמעס“־פאַרלאַג דערשינען פלאַטנערס אַ זאַמלונג לידער און פּאָעמעס „מיט ליבע און גלױבן“.

ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן האָט דער דיכטער געאַרבעט באַם שרײַבטיש, געשריבן זיכרױנעס, װעלכע ער האָט אָנגערופן „די, װאָס פעלן אונדז“, װעגן די שרײַבער מ. קולבאַק, ז. אַקסעלראָד, ה. קאַמענעצקי, ע. קאַהאַן און אַנדערע.

אײַזיק פלאַטנער איז דער דיכטער פון לײדן און פון קאַמף, אָבער אױך פון ליבשאַפט און פרײדן. דער לירישער העלד פון פלאַטנערס דיכטונג האָט דורכגעמאַכט אַ שװערן לעבנסװעג, אָבער מיטן באַװוסטזײַן, אַז ניט אומזיסט איז אַדורך אָט דער שװערער װעג. אָט די שטימונג איז באַזונדערס בולעט אױסגעדריקט אין דער ליד „דער קװאַל“, װעלכע מע קאָן רעכענען אַלס אַ מין סאַכאַקל, אַ כעזשבן־האַנעפעש פון די אָפּגערױשטע יאָרן. דער דיכטער, זײַן לירישער העלד, איז איבערצײַגט, אַז די אופּ־

גאבע פונעם מענטשן און שעפער באשטייט אין אומופהערלעכן שטרעבן צו ליבשאפט:

ווען איינער זוכט וואסער צו שטילן זיין דאָרשט,
גראָבט ער א טיפן ברונעם;
און איך האָב געגראָבן טיף אין מיין הארץ
און האָב דאָרט ליבשאפט געפונען.

מיין לעבן ליגט אָפן פאר מיר, ווי א בוך,
מיט זייטלעך געדיכטע פארשריבן.
דאָס שלעכטס איז אריבער, דאָס בייז איז אוועק,
די ליבשאפט איז איבערגעבליבן.

כ׳האָב געגארט און געבענקט נאָך א גליקלעכער ערד,
נאָך פון קינדוויַיז די בענקשאפט געטראָגן,
כ׳בין אָרעם געוועזן אמאָל, אזש א גרויל,
נאָר ליבשאפט געקאָנט כ׳האָב פארמאָגן.

אייזיק פלאטנערס דיכטונג איז אוואדע אָפטימיסטיש לויט איר פי־לאָסאָפיע, אָבער די דאָזיקע דיכטונג איז ווייט פון יענער קעלבערנער היספּיילעס, וועלכע קאָן ניט באנעמען די קאָנפליקטן און ווידערשפּרוכן פונעם לעבן. אין פלאטנערס ליד פילט זיך די איבערציַיגטקייט, די זיכער־קייט אינעם זיג איבער דעם שלעכטן, אָבער אויך דער דראמאטיזם און דער טראגיזם פון די קאָמפּליצירטע לעבנס־קאָליזיעס פון דער עפּאָכע, אין וועלכער אים איז אויסגעקומען צו לעבן און שאפן („האָב איך באַ־גראָבן די ליבשאפט אין הארץ, איך האָב זי צעבלוטיקט, צעשטאָכן, איך האָב אף א יאָמטעוו א גרויסן געוואָרט אין גרויען אינדערוואָכן”). און דאָס האָט באשטימט אויך די פאָרם פון זיין ליד, וועלכע איז ליריש, אָבער אויך עפּיש. דאָס איז לירישער עפּאָס, ווייל אין דער ליד איז אויסגע־דריקט דאָס פערזענלעכע, דאָס אינדיווידועלע, וואָס איז שטענדיק גע־קניפּט און געבונדן מיטן גאנצן סאָציאַלן לעבן, מיט דער אנטוויקלונג און מיט דער באוועגונג פון דער היסטאָרישער עפּאָכע.

עס איז ניט שווער צו באמערקן, אז אייזיק פלאטנערס שאפונג איז ענג פארבונדן מיט דער פּראָגרעסיווער טראדיציע פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער און פּראָלעטארישער דיכטונג (ווינטשעווסקי, עדעל־שטאט, באָווישאָווער, ראָזענפעלד), מיט דער דעמאָקראטישער טראדיציע

פון אווראַם רייזענס דיכטונג און אויך מיט דער שאַפונג פון די ייִדישע סאָוועטישע פּאָעטן קולבאַק, פעפער, כאַריק. ער איז אָבער אייגנצײַטיק דערמיט אינגאַנצן זעלבשטענדיק אין זײַן סטיל, אין זײַן געזאַנג, אין דער בילדערישקײַט און אין דער מעטאַפאָריק. די פאַרבינדונג מיט דער טראַדיציע איז מער אַן אידייִשע, אַ טעמאַטישע. אָבער אין דער פאָרמעלער אויסדריקלעכקײַט גייט פּלאַטנער מיט זײַן וועג און זינגט אַף זײַן אויפן, מיט זײַן לאָשן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, עס דאַרף געגומען ווערן אין אַכט די עוואָלוציע פונעם דיכטער. ער האָט אָנגעהויבן אין די צוואַנציקער יאָרן און האָט געענדיקט אין די זעכציקער יאָרן פון אונדזער „צוואַנציקסטן פײַער געשמידטן יאָרהונדערט”. דער רעוואָליוציאָנערער פּאַטאָס פון פּלאַטנערס דיכטונג אין אַמעריקע פאַרמאָגט נאָך ניט די רײַפע באַדאַכטקײַט, וועלכע דער דיכטער האָט דערגרייכט אין די יאָרן, ווען ער איז געוואָרן אַ סאָוועטישער שרײַבער, און באַזונדערס אין די יאָרן פון נאָך דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. די ביטערע און העלדישע דערפאַרונג פון די שווערע ניסיוינעס בייס דער מילכאָמע לאָזן זיך דײַטלעך הערן אין דער ליריק פון די פופציקער יאָרן („מײַן גליקלעכער שטערן”, „די זאַלץ פון לעבן”, „מײַן בענקשאַפט”, „די יעלן פאַראַקשנטע שווײַגן” און אַנד.), אין לעצטן פעריאָד פון פּלאַטנערס לעבן און שאַפן.

די נײַע זאַמלונג, וואָס איז מיט געשמאַק צונויפגעשטעלט, גיט אַ פולע פאָרשטעלונג וועגן דעם גאַנצן וועג, וועגן דער גאַנצער שאַפונג פונעם טאַלאַנטירטן ייִדישן סאָוועטישן דיכטער אײַזיק פּלאַטנער. „די זאַלץ פון לעבן”—דאָס קעפּל פון דער זאַמלונג—גיט זייער געלונגען און טרעפלעך איבער דעם טאָך פונעם דיכטערס שאַפן. אין דער ליד מיטן זעלבן נאָמען ווערט געזאָגט:

אַז וואָס איז דען לעבן?
אָט דאָס, וואָס דו זעסט: —
די פרייד, וואָס באַהערשט דיך,
דער אומעט, וואָס פרעסט.
און די זון, און די ערד,
און דער בוים — אָט דאָס אַלץ
און דאָס ווײַס׳ אַפן קאָפּ
איז פון לעבן די זאַלץ.

הערש רעמעניק

דער יאָמטעוו פון שאפן

דער קוואל

ווען איינער זוכט וואסער צו שטילן זײַן דאָרשט,
גראָבט ער א טיפן ברונעם;
און איך האָב געגראָבן טיף אין מײַן הארץ
און האָב דאָרט ליבשאפט געפונען.

מײַן לעבן ליגט אָפן פאר מיר, ווי א בוך,
מיט זײַטלעך געדיכטע פארשריבן.
דאָס שלעכטס איז אריבער, דאָס בייז איז אוועק,
די ליבשאפט איז איבערגעבליבן.

כ׳האָב געגארט און געבענקט נאָך א גליקלעכער ערד,
נאָך פון קינדווײַז די בענקשאפט געטראָגן,
איך בין אָרעם געווען אמאָל, אזש א גרויל,
נאָר ליבשאפט געקאָנט כ׳האָב פארמאָגן.

זאָל קיינער ניט וויסן, וואָס ס׳הייסט אזא טאָג,
א קארגער מיט טרוקענע ליפּן,
ווען ס׳האָט פאר אן איב׳ריקן ברעקעלע ברויט
מיך די מאמע באשאָנקען מיט קניפּן.

האָב איך באגראָבן די ליבשאפט אין הארץ,
איך האָב זי צעבלוטיקט, צעשטאָכן.
איך האָב אף א יאָמטעוו א גרויסן געווארט
אין גרויען אינדערוואָכן.

אן אייביקײַט איז שוין פון דעמאָלט אוועק,
איך האָב קויכעס צוזאמענגענומען.
א שווערער, א הארבער געווען איז דער וועג,
אהין וועל איך מער שוין ניט קומען.

מײַן לעבן איז איבערגעשווומען א יאם,
ווי שטורמישע כוואליעס — די יאָרן.
איך האָב זיך געראנגלט, דערטראָגן צום ברעג,
צו אָפּענע ווײַטן, צו קלאָרע.

איך ווייס שוין, וואָס מאָרגן וועט ברענגען דער טאָג,
א ליכטיקײַט קומט מיר אנטקעגן,
פון ליבשאפט פארטרונקען איז איצט מײַן געזאנג,
פארכלינעט אריבער די ברעגן.

און אויב ס׳האָט זיך איבערגעריסן מײַן ליד,
צעבראָכן דער פידל, דער בויגן,
האָט דער גלויבן געגעסטעט בא מיר אינעם הארץ,
געלויכטן בא מיר פון די אויגן.

ס׳איז גוט, וואָס מײַן ליבשאפט געבליבן איז גאנץ,
און גאנץ איז געבליבן מײַן לעבן,
כ׳בין גרייט נאָך א לעבן צו לעבן אצינד,
איך האָב ליבשאפט אזויפיל צו געבן.

פונקט ווי א פאזרען[1] א גרויסער כ׳וועל
אלץ שענקען און שענקען און שענקען,
א ווארעמער שטראָם וועט מיר פליסן פון הארץ,
די גאנצענע ערד וועט פארשווענקען.

ווען איינער זוכט וואסער צו שטילן זײַן דאָרשט,
גראָבט ער א טיפן ברונעם;
און איך האָב געגראָבן טיף אין מײַן הארץ,
און א לויטערן קוואל דאָרט געפונען.

1956

---

[1] פאזרען — אן אויסברענגער.

* * *

כ׳האָב ייִנגלוויַיז ליב געהאט זען, ווי מע בויט,
פאַרגעניגן עס פלעגט מיר פאַרשאפן;
כ׳פלעג אָפּשטיין א טאָג מיט א סקאָרינקע ברויט,
באטראכטן דאָס מענטשלעכע שאפן,

ווי עס שפּילט און עס בלענדט דאָס געציַיג אין די הענט
בא די בויער — די פריילעכע יונגען,
ווי עס וואקסן די פרישע, די ציגלענע ווענט.
אין מיַין קינדערשן הארץ האָט געזונגען.

די איַיזערנע דלאָניעס מיט ליים אויסגעשמירט,
דער האמער, די קעלניע, דער ווינקל,
פונקט ווי א קישעף עס האָט מיך פאַרפירט,
געלאָקט מיך, געצויגן, געווונקען.

א גרויסער באטיַיט איז געלעגן דערין —
נאָר געווען כ׳בין נאָך דאן ניט געשליפן —
„ס׳איז דאָס שאפן פון לעבן דער העכסטער זין“ —
דורך דער מי כ׳האָב דאָס שפּעטער באגריפן.

דאָס הויז האָט נאָך דעמאָלט צו רײַכע געהערט,
און די מי איז געווען פאַרקנעכטעט.
כ׳האָב שטענדיק געטראָטן אף עמעצנס ערד,
ווו געטאָגט, איך האָב דאָרט ניט גענעכטיקט.

אף א יאָמטעוו פון שאפן כ׳האָב שטענדיק געוואַרט,
אף א ליכט אין די אָרעמע שטיבער.

מײַן ייִנגלשער כאָלעם מיך האָט ניט גענאַרט,
ווי די זון, ווען אַ שטורעם גייט איבער.

ס׳זײַנען סריפּעס געווען, מילכאָמעס און שרעק,
נאָר די ערד איז אַרויס פֿונעם פֿײַער.
די קנעכטשאַפֿט איז לאַנג שוין אין אָווער אַוועק,
און די מי איז געוואָרן אַ פֿרײַע.

פֿון שאַפֿונג די פֿרייד כ׳האָב אין האַרצן פֿאַרהיט —
דעם צערטלעכן ציטער — דעם פֿיבער.
דאָס, וואָס אין האַרצן האָט קינדווײַז געבליט,
אַף אײביק עס בלײַבט שוין דאָרט איבער.

און זאָל עס פֿאַר קײנעם קײן כידעש ניט זײַן,
אויב איך קאָן מיטאַמאָל זיך פֿאַרגעסן —
כ׳בלײַב שטיין אין דער מיטן־באַטאָגיקער שײַן
אין ערגעץ אַ זײַטיקן געסל.

דעם קאָפּ איך פֿאַרײַס אין דער הייך, צו דער בלוי,
און איך גלייב ניט די אייגענע אויגן:
אָט ערשט איז אַף גראָז דאָ געפֿאַלן דער טוי,
אַ פֿויגל איז נידעריק געפֿלויגן.

איצט שפּילט דאָ די זון אַף געצײַג אין די הענט
בײַ די בויער, די פֿריילעך־געזונטע.
איצט וואַקסן דאָ פֿרישע און היימישע ווענט,
וואָס שטײַגן צו הייכן באַזונטע.

1957

אין וואלד אָנהייב פרילינג

א יונגינקע יעל קריכט ארויס פונעם שניי
מיט גרינע, מיט צערטלעכע פינגער;
זי פּיקט זיך ארויס, ווי אן אויפל פון איי,
מיט פעדערלעך ווייכע און גרינגע.

די סאָסנעס די שלאנקע אנטפלעקן די פיס,
געשטאנען אין שניי ביז די קני׳ען;
אין מאָכענע זאָקן — א שיינקייט דאָס איז,
די קרוינען צום הימל זיך צי׳ען.

ניט לאנג וועט שוין האלטן דער שניי — ער צעגייט,
די נאָדלען זײַנען ווײַסקײַט פארדעקן,
צערינט, און פארשווינדט, ער גייט אויס שטילערהייט,
און די זון וועט זײַן זייכער פארמעקן.

אינגיכן וועט קומען די ליבע אהער,
וועט פלאטערן, שוועבן מיט פליגל; —
די פויגל אין פּאָרן — א „זי" מיט א „ער",
זיך טוקן אין זוניקן שפּיגל.

מײַן ליבשאפט כ׳האָב אויכעט אהערצו געבראכט.
מײַן הייסן פארלאנג און מײַן שטרעבן.
מײַן בענקשאפט זאָל ברויזן א נאכט נאָך א נאכט,
אז אופשטור׳מען זאָל אין מײַן לעבן.

איך שטיי מיט די יעלן אצינדערט און ווארט
אף ערשטן און פרישן שלאקסרעגן,

יעדער שאָרך איז איצט דין, יעדער קלאַנג אַזוי צאַרט,
ווי דָי ערד וואָלט אין קימפּעט געלעגן.

דעם קאָפּ איך אַנטבלויז און באַווײַז אים דער זון,
אַ פרישקייט מיר פאַלט אויפן שטערן,
אַ ליכטיקייט ווערט אויפן האַרצן דערפון,
דעם מינדסטן גערויש כ׳קאָן דערהערן.

איך וואַרט ביז די זון וועט אַ בלענד טאָן מיט היץ,
אויפן פלאַמיקן רײַטוואָגן רײַטן,
ביז דעם הימל אויף צוויי וועט צעשפּאַלטן אַ בליץ,
און אַ דונער ט׳זיך קײַקלען פון ווײַטן.

אויף איטלעכן בערגל, אויף פלאַך און אויף טאָל,
אויף די לענגען, די ברייטן, די ווײַטן,
וועט אויפגיין אַ לעבן אַ גרינס מיטאַמאָל,
און ס׳וועט ווערן די ערד אַ באַנײַטע.

1956

מיידלעך אף א בערגל ווייץ

א ווארעמען טאם האָט א קערנדל ווייץ
אף די ציין,
און מיידלעך לעבן בערגל מיט ווייץ —
דעם זיבעטן כיין.
די נאקעטע קני, די פארברוינטע
אין גאָלדענעם ווייץ,
די קערנדלעך שיטן זיך איבער
מיט בלענדיקן רייץ.
כ׳וואָלט איצטער א פענדזל פארמאָגט
צו דער פען און פאפיר,
ווו נעמט מען אין ווערטער דעם קישעף
פון יעדן קאָליר.
די זון אף די מיידלשע נאקנס
אין ווייץ שעמערירט.
אליין פון די קלאנגען, געלעכטער
א מענטש קאָן דאָ ווערן פארפירט.
איי, באָכער, פון יונגע באגערן
פון זון־שײַן פארפלייצט,
זאָלסט קומען אין אָוונט אהער —
אף דעם ליכטיקן ווייץ.
א ווארעמען טאם האָט א קערנדל ווייץ
אף די ציין,
און מיידלעך אף ווייץ אף א בערגל —
דעם זיבעטן כיין.

1958

אין די בערג

דײַן בליק אין די בערג איז א ווארעמער, מילדער.
ס׳קומט אָן דער אָוונט, די שײַנקײַט ווערט מילדער,
די זון איז אריבער א בארג־שפּיץ געקראָכן,
האָט זיך אין טויזנטער שײַנען צעבראָכן.
די קרומע, צעפּלאָנטערטע, מעכטיקע טאָלן
מיט פארבן א שׂלאל, מיט איימע באמאָלן.

פעלדזיקע קראַנצן צום נאכט־פאל צעהאנגען,
אין בארג־ריסן — טײַכן קריכן, ווי שלאנגען
מיט גלאנציקע רוקנס, מיט זילבערנע שיפּן.
נאכט, נעם ארום מיך, דו האָסט ווארעמע ליפּן,
כ׳הער דעם רויש פון דײַן הארץ, דעם ציטער פון קניִען,
א ווינט פון די בערג איז געקומען צו פליִען,
א רויש און אוועק, און א טראָג זיך אָן ווידער,
און האָט זיך א ווואלגער געטאָן אין דער נידער.
דער אָנוואָרף פון בערג איז אנשוויגן געוואָרן,
זײ שווײַגן אזוי שוין פון טויזנטער יאָרן.

נאכט, און די בערג האָבן זיך צעוואקסן,
ריזיקע פעלדזן מיט וועלדער אף אקסלען,
פײַערלעך בלאָנקען ארום אף די שפּיצן;
שטערן, צי שטיקלעך צעשמעטערטע בליצן?
פײַער׳ן פינקלען, צי גלי־ווערעם מינען?
די נאכט גיסט זיך איבער אין בלאָען באגינען.
א פויגל, א כײַע, צי איך האָב געשריגן?
ס׳האָבן גאָר בארג־לײַט דורך נאכט דאָ געשריגן.

פאַרטאָג, דאָס געבערג איז אופגעשטאַנען.
זיי ציִען אין ווײַטן געשפּאַנט — קאַראַוואַנען
באַלאָדן מיט פעלדזן, מיט וועלדער מיט גרינע.
די קנוילן פון נעפּלען אין טאָלן צערינען,
די זון גייט שוין אוף, און די בערג שעמערירן,
עס פינקלט דער טוי און בלענדט מיט קאָלירן.

דער וועג אין די בערג איז געדרייט און געבויגן,
די ראָכוועס פאַרכאַפּט אַזש דאָס האַרץ און די אויגן;
אַראַגווע — דער טײַך — וויל די דאַמבע אַריבער,
קאַזבעק קוקט אַרויס פון די בערג, ווי אַ גיבער,
מײַן האַרץ איז באַרויִקט, מײַן לײַב, מײַנע גלידער;
פון נאַכט און פון ליבע — אַ צאַרטער, אַ מידער.

קאַווקאַז, כ׳האָב דיך איינמאָל געזען — און געדענקען,
ס׳האָט גרויס מיך געמאַכט דײַן צעשלײַדערטע שיינקײַט.
איך זע דײַנע מענטשן די שלאַנקע די ברוינע,
די פעלקער די פרײַע — די באַרג־באַוווינער;
די גרויזאַמע בערג, שוין פון טויזנטער יאָרן,
די בערג זײַנען נאָכגיביק, ווייכער געוואָרן.

מײַן דאָר, זע איך, קאָרן און פרוכטן פאַרזייען,
ער דעקט אָפּ די בערג פון די אייביקע שנייען,
בויערט און לעכערט די באַרגיקע גווורע,
ליכט צינדט ער אָן אף די פעלדזיקע טורעמס.
מײַן דאָר בויט פּאַלאַצן אף שווינדלנדע הייכן,
דאָרט, ווו דער אָדלער קאָן נאָר דערגרייכן.
מײַן דאָר אַזאַ מײַסטער, די בערג וועט פאַרשניצן
און וועט דאָרט אף אייביק זײַן נאָמען פאַרקריצן.

1945

* * *

כ׳האָב ליב די ברעגעס שטאָט
אין הארבסטיקע פארנאכטן,
ווען ס׳קומט פון זיך אליין
די בענקעניש, דאָס טראכטן.

די שטאָט, זי שפרייט זיך אויס
און נעמט אלץ איַין די וויַיטן;
און וואָס ס׳איז שוין באקאנט,
עס האלט זיך אין איין ביַיטן.

די וואָלקנס שווימען אָפּ,
ווי טעג, וואָס לאנג פארגאנגען,
און וואָס א נײַער טאָג,
אלץ פרישערע פארלאנגען.

אין קילער אָוונט־שאָ
דו האָסט אליין דערקענט זיך;
אין שפּיגל פון דײַן אויג
דער זון־פארגאנג דערברענט זיך.

עס וויקלט זיך די נאכט
ארום דײַן קאָפּ דײַן שווערן,
דערמאָנסט זיך וויַיטע נעכט
און וויַיטע, גרויסע שטערן.

דערמאָנסט זיך עלנט אויך,
און וואנדערניש און וואָגל;

און ס׳האָט דיך דאָך די צײַט
צו דעם פֿאַרנאַכט דערטראָגן.

דו זעסט דעם בלעטערפֿאַל,
די שפּיל פֿון האַרבסט און פֿאַרבן.
דער בוים, ער בלײַבט אַ בוים,
די בלעטער מוזן שטאַרבן.

דער ווינט כאַפּט אויף אַ בלאַט,
אַ טראָג, און קערט אים איבער;
די ליבע, וואָס איז ליב,
עס ווערט דיר פֿיל מאָל ליבער.

1957

ס׳עפּענעז זיך טירן

דער יונגער הימל איז פאַרויטלט ביז די ברעגן,
די שטערן לעשן זיך פּאַמעלעך, גייען אויס.
דער ערשטער מענטש, וואָס קומט מיר אָן אַנטקעגן,
ער טראָגט מיט זיך די ליבשאַפט פון זײַן הויז.

מיר גייען ביידע אינעם טאָג אַרײַן צוזאַמען,
שנײַדן מיט די קעפּ אַדורך דעם פרישן ווינט.
אויף די אַקסל הענגט די מילדקײַט פון אַ מאַמען,
אין די אויגן שײַנט די צאַרטקײַט פון אַ קינד.

דער ווינט, ער יאָגט אַוועק, עס עפּענען זיך טירן,
די דעכער שווימען אָפּ צום אָנגעגליטן ראַנד.
ס׳איז מיר אַ שאָד אַצינד אַ רעגע צו פאַרלירן,
איך יאָג זיך אינעם טאָג אַרײַן מיט אַלעמען באַנאַנד.

די וואָגיקײַט פון לעבן איז מיר אָנגענעם צו טראָגן,
די ליבשאַפט פון דער נאַכט, די מי פון גרויסן טאָג;
דורך די בלויע, לויטערסטע פאַרטאָגן
פאַר מײַן לאַנד דאָס לעבן מײַנס איך טראָג.

1934

מײַן גליקלעכער שטערן

געזוכט כ׳האָב אין הימל מײַן גליקלעכן שטערן
און האָב אים קעסיידער פארלוירן;
באשערט איז געווען מיר געבוירן צו ווערן,
אזוי ווי מע האָט מיך געבוירן, —

אָן גאָלד און אָן צירונג, אָן שנירעלעך פערל,
אין פּאָשעטן, הילצערנעם וויגל;
איבער מײַן דאַך איז געהאנגען א שטערן,
א ווײַטער, א קאלטער, געשוויגן...

די שטערן ביז הײַנט זײַנען ווײַטע פארבליבן,
נאָר איינער איז נאָ׳נט מיר און טײַער, —
א קלייטינקער שטערן פון גלויבן און ליבע,
וואָס ווארעמט מיט היימישן פײַער.

ער קרײַזט אום די ערד, ווי איר טרײַער באגלייטער, —
א ליכטיק, א גין־גאָלדן שנירל;
און שטענדיק איך ווייס זײַנע לענגען אוןברייטן,
איך וועל אים שוין מער ניט פארלירן...

1959

לענינס וואָרט

1

א טראָפּן אין יאם האָט זײַן וואָג און זײַן אָרט;
פון טראָפּנס א יאם איז געוואָרן.
אזוי איז אין לעבן די קראפט פונעם וואָרט,
וואָס פליסט מיטן שטראָם פון די יאָרן.

מיט יאָרן צוריק האָט אונדז לענין געזאָגט:
צום אופשטאנד די צײַט איז געקומען!
זײַן וואָרט, ווי א וויכער צו אונדז זיך דערטראָגט,
מיר הערן „אוראָרע״ נאָך ברומען.

קאָנסט אויסהאקן ריזיקע דעמבעס פון וואלד,
פארגעסן קאָן ווערן א ליבע,
דער טײַגע קאָנסט געבן אן אנדער געשטאלט, —
נאָר ס׳לענינשע וואָרט בלײַבט אלץ איבער.

א טראָפּן, וואָס פאלט אינעם מידבער, אין זאמד,
ער ווערט דאָרט פארטריקנט, באגראָבן;
זײַן וואָרט איז געפאלן אין פאָלק, אינעם לאנד,
און אױף אייביק א קיעם ס׳וועט האָבן.

2

פון קליינינקע טראָפּנס קאָן ווערן א יאם,
פון איינציקן פונק איז געוואָרן א פלאם.
די ליכט, זי באשטראלט אונדזער טעגלעכע מי,
ווי די זון, וואָס צעפלאקערט זיך יעדן פארפרי.

אין שטילקײַט פון אָוונט דײַן אויער דערהערט,
ווי ס׳אָטעמט אין ריטם פון שאפן די ערד,
סאָוועטישע ערד, מיט איר מעכטיקער ברוסט;
געקנאָטן מיט שוויס, און מיט בלוט, און מיט לוסט.

שטייסט אוף, און דו לאָזסט זיך אין יונגן שפּאציר,
און לײַכטער דײַן טראָט ווערט, דײַן יעטווידער ריר.
פאָרויס גייט דאָס פײַער פון לעבינשן וואָרט,
ווי א טראָפּן אין יאם דו פארנעמסט אויך דײַן אָרט.

צו ווינציק שוין ציפער צו ציילן דעם זיג,
און אלץ צו דערבליקן איז ווייניק דער בליק;
ווו נעמט מען די מאָס פאר דער לענג, פאר דער ברייט? —
צו ענג איז דאָס הארץ צו דערטראָגן די פרייד.

3

זאָל אין רויש פונעם יאם אויך ארײַן מײַן געזאנג,
אינעם שלאָגן פון צופלוס — די פערזן;
מיט אן אימפּעט אזא און אזא־אָ פארלאנג,
ווי די כוואליעס, וואָס שלאָגן אין פעלדזן.

ווו דער שטורעם וועט זײַן, זאָל איך אויך דאָרטן זײַן —
ווו דער דונער און בליץ וועלן שלאָגן;
זאָל מײַן וואָרט אינעם דראנג פון די וועלן ארײַן,
זיך קײַקלען צום ברעג און דעריאָגן.

כ׳קער אום זיך צוריק צו די שטורמישע טעג
און איך זע פּעטראָגראד — יענע ערטער,
איליטש איז אין האלבנאכט אין סמאָלני אוועק,
באפעלן געגעבן מיט פלאמיקע ווערטער.

פון דעמאָלט ביז הײַנט פירט דער זעלביקער וועג —
דער וועג, וואָס ס׳האָט לענין געצייכנט:
מיט פרידלעכער ארבעט מיר צירן די טעג,
די זיגן מיט קאמף מיר דערגרייכן.

1957

גוווּרע

ווי קומט עס צום לארך אזא גוווּרע,
די פרייד און דער ווילן דער הייסער, —
פארטרײַבן די ווינטן און שטורעמס,
די וועלדער פון שלאָף אופצוטרייסלען?

ווי נעמט זיך עס אָן אזא פויגל
צו זינגען אזוי פון די הייכן,
פארפלייצן מיט זון דיר די אויגן,
די טיפקײַט פון הארץ דיר דערגרייכן.

אליין אין דער בלויקײַט צו שוועבן,
ווי איבער די יאמען א פליִער?
זעט אויס, אזא קראפט איז פארבאָרגן
באם אָנזאָג פון פרילינג פון פריִען.

און זע, ווי די זון העלפט אים אונטער,
און הער, ווי עס ריזלען שוין קוואלן!
דו גייסט אום בארוישט, א באזונטער,
פארשפינט און פארפלאָנטערט אין שטראלן.

אָט פונקט, ווי דער פויגל דער קליינער,
די הענט וואָלסט, ווי פליגלען, צענומען.
א פלי אין דער בלויקײַט דער ריינער,
אליין, ווי דער פרילינג, געקומען.

1959

די זאַלץ פֿון לעבן

ניין, מײַן טײַערע, ניין!
ניט מיין, ס׳איז שוין אַלץ;
דאָס ווײַס׳ אפֿן קאָפּ
איז פֿון לעבן די זאַלץ.
עס איז דאָס, וואָס אין קאָרענעם ברויט
גיט דעם טאַם,
די שאַרפֿקײַט און גווירע
די כוואַליעס אין יאַם.
אָן אַ ביסעלע צאַר
קאָן קיין סימכע ניט זײַן,
דער שאָטן באַגלייט דאָך
פֿון אייביק די שײַן.
זאָג, פֿאַרוואָס איז געזאַלצן
פֿון אויג די טרער?
אַז מע וויינט זיך ניט אויס,
איז דאָס האַרץ אַזוי שווער.
נאָר נאָכדעם ווערט בעסער,
און ריינער, און לײַכט,
און שיין איז דאָס אויג,
ווען ס׳איז אַ ביסעלע פֿײַכט.
ניין, ניין, ס׳איז ניט אַלץ,
אַז עס קאָן דאָך ניט זײַן!
זע, די גאַנצע שטאָט
איז פֿאַרשווומען אין שײַן.
און דער טאָג הייבט זיך אָן
אַרום אונדז אַזוי פֿרי,
מיטן קרעפֿטיקן אָטעם
פֿון שאַפֿן און מי.

פון דער זון אלע שויבן
פאנאנדערגעגליט,
יעדע קווייט אף די ווענט
איז פאנאנדערגעבליט.
אָט דאָס הויז, וואָס מע בויט,
און דער אָס, וואָס דו שרײַבסט,
אָט דאָס אלץ
פאר דער גליקלעכער צוקונפט פארבלײַבט.
אז וואָס איז דען לעבן?
אָט דאָס, וואָס דו זעסט: —
די פרייד, וואָס באהערשט דיך,
דער אומעט, וואָס פרעסט.
און די זון, און די ערד,
און דער בוים — אָט דאָס אלץ,
און דאָס ווײַס׳ אפן קאָפּ
איז פון לעבן די זאלץ.
ס׳קומט א קנייטש אפן שטערן,
ס׳גיט א ציטער א ברעם?
נאָר מיר האָבן דאָך אויכעט
א כיילעק אין דעם.
און דאָס גרוי אף די שלייפן?
ס׳געפעלט מיר, געוויס!
ס׳ליגט די אלטע, פארגאנגענע וועלט
פאר די פיס.
אף די גאסן די נײַע,
געפלאסטערט און העל,
לויפט אום אונדזער קינד,
ווי א יונגע גאזעל.
זי וועט טרעפן אָט דעם,
וואָס דאָס הארץ אירס באגערט,
און ווײַטער וועט קלינגען
דאָס ליד אף דער ערד.

1956

אין לײַכטן שלאָף

די גרויע לאַנדשאַפט דרעמלט נאָכן רײַכן שניט,
א ראָזער שטײַן באַם וועג, מיט מאָך באַוואַקסן, שווײַגט.
די עפּל־ביימער אָפּגעטרייסלט, אויסגעצערט און מיד,
א פייגעלע, פאַרנורעט, וויגט זיך אויף הוילער צווײַג.

די בלעטער פאַלן אָפּ און נאַקעט בלײַבט דער בוים.
עס קלינגט אין פעלד דער ווינט, ער יאָגט פון ווײַט;
נאָר יעדער קנאָספּ פאַרזונקען ווערט אין טיפן טרוים
און כּאָלעמט אויס אין שלאָף א נײַע צײַט.

אין קאַלטן פלאַם פאַרנאַכט א קופּער־זון פאַרגייט,
עס קנײטשט זיך מיט א ברויגעז אויפן טײַך די פלאַך,
אין ריינעם, קילן אָוונט זינגט די זעט — די פרייד,
אויף בלויען פאָן — א פּאָר; מע קושט זיך און מע לאַכט.

פּילפּאַכיק וואָרעמער די ליבשאַפט איז אַצינד,
א רעגע צו פאַרלירן איז דער גרעסטער שאָד —
די רויטע באַקן בײַ א קינד, פון שאַרפן ווינט,
די לעצטע פאַרבן אויף די ביימער, אינעם עפּל־סאָד.

עס שטאַרבט ניט גאָרניט אויף דער גוטער, טרײַער ערד,
די לאַנדשאַפט בלײַבט פאַרזונקען אין א זיסן טרוים;
נאָר אין לײַכטן שלאָף דעם פרילינג־רוף דערהערט,
א יעדער קנאָספּ פון הינטער בלעטל אויף א בוים.

1957

„קאלי לאסקא"

„קאלי לאסקא“[1]

מיר זײַנען װײַט אין זומער שױן אַרײַן, מײַן פרײַנט,
ס'איז פונקט דרײַ יאָר געװאָרן הײַנט,
פון זינט איך האָב פארלאָזט מײַן אײַנגעזעסן אָרט.
און עמעס טאקע, אז אױך דאָ, װי דאָרט,
איז פעלד, איז װאלד, איז זומערדיקער רײץ,
אונטער בלױען הימל װאקסט דאָ קאָרן, װײץ.
דער מענטש — ער דריקט מיט פרײַנטשאפט מיר די הענט,
ס'איז אונדזער מענטש, איך האָב אים גלײַך דערקענט.
די בענקשאפט װערט ניט װינציקער א האָר,
ניט מער, זי איז געװאָרן עלטער אף דרײַ יאָר.
און ס'טרעפט אזױ אמאָל אינמיטן העלן טאָג,
איך רײד מיט עמעצן און פלוצעם כ'טו א זאָג
א הײמיש װאָרט, א נאָמען רוף איך אָן.
„קאלי לאסקא“ האָב איך ליב א זאָג צו טאָן.
און שטענדיק לעבט די בענקשאפט טיף אין מיר,
איך טראָג זי אום אין הארץ און ציטער איבער איר.

1944

[1] „קאלי לאסקא“ אף װײַסרוסיש באטײַט — ביטע, זײַט אזױ גוט.

מײַן בענקשאַפט

עליע קאַהאַנס אָנדענק

װעסט מער שוין ניט קומען
פאַרנאַכט צו מײַן טיר,
און ליידיק װעט בלײַבן
דאָס װײַסע פּאַפּיר.

ס׳איז גאָרניט פאַרשריבן
און גאָרניט געזאָגט,
אַ װינט האָט די װערטער
װי פייגל צעיאָגט.

מײַן בענקשאַפט געגליכן
צום פויגל אין װינט,
אַ הויז איז אין פײַער,
אין פענצטער — אַ קינד.

איך קאָן ניט דערגרייכן
דעם פלאַמיקן דאַך...
אַזוי קומט דײַן אָנבליק
צו מיר אין דער נאַכט.

װעסט מער שוין ניט קומען
אַ גאַסט צו מײַן טיר,
אַ קאַלטע לעװאָנע
אין צימער בײַ מיר.

אין ליכט פון לעוואָנע
דיַין פּנעם צערינט,
מיַין בענקשאַפט נעמט שוועבן,
ווי פייגל אין ווינט.

עס פאלן די פייגל
צום פלאַמיקן דאַך;
אַזוי קומט דיַין אָנבליק
צו מיר אין דער נאַכט.

1944

א נעסט

1

קאָן זײַן, אַז אַ פֿייגעלע האָט ניט קיין טרערן
און קאָן, ווי אַ מאַמע, באַ מענטשן ניט וויינען;
ס׳וואָלט אָבער געקלאָגט, ווען מען זאָל דעם צעשטערן
די נעסט מיט די נאַקעטע אייפּעלעך, קליינע.

ניט גרינג איז דעם ברעקל אַליין זיך צו האַלטן
אינמיטן דעם וואַלד, אין דעם מעכטיקן, גרויסן,
מיט כּאָכמע אַזויפֿיל די נעסט צו באַהאַלטן
אונטערן הימל, אין אָפֿענעם דרויסן.

אַ נעסט אויף דער ערד, ווי פֿאַרהענגלעך — גראָזן,
די יעלן אַרום, פּונקט ווי ווענט צו באַשיצן;
עס זאָלן קיין שטורמישע ווינטן ניט בלאָזן,
ניט שלאָגן עס זאָלן די שלאַנגען — די בליצן.

2

דעם פֿויגל איך האָב ניט געמיינט צו דערשרעקן,
עס האָט מיך אַוודע מײַן נײַגער געטריבן
צו זען, ווי די קלייניקע פֿליגלען פֿאַרדעקן
די אייגענע קינדער מיט שרעק און מיט ליבע.

די אייפּעלעך האַלטן די שנאָבלען נאָך אָפֿן,
און בעטן, און מאָנען, און פֿאָדערן — עסן!
מײַן אויג מיט אַ פֿײַכטקײַט געוואָרן פֿאַרלאָפֿן —
אַמאָל בין איך אויכעט אַזוי־אָ געזעסן

פּאַרטוליִעט אין נעסט מיט צוויי נאַקעטע קניִען,
געוואַרט, אַז די מאַמע זאָל זיך שוין באַווײַזן.
אָט פּונקט ווי דאָס פֿייגעלע פֿלעגט זי זיך מיִען,
די מאַמע די טרײַע, אונדז צערטלען און שפּײַזן.

1957

* * *

און פלוצלינג דאָס לעבן ווערט גרינגער,
א פרייד גייט אריבער די שוועל.
א כאוועד מיט ליכטיקע פינגער
דיַין טיר האָט געעפנט, ווערט העל.

זיַין פּאָנעם מיט הארבקיַיט פארצויגן,
די שטיוול פארשטויבטע פון וועג.
דו קוקסט אים אריַין אין די אויגן,
דערמאָנסט זיך פארגאנגענע טעג.

געקומען, געזאָגט דיר „גוט־מאָרגן!״,
דער טאָג ווערט גליַיך ליכטיק און פריש;
און אלץ, וואָס אין הארץ איז פארבאָרגן,
דו לייגסט אים ארויס אפן טיש.

דו ווייסט ניט פון וואָס אָנצוהויבן,
קיין אָנהייב, קיין סאָף איז ניטאָ.
עס קלעפּט שוין די נאכט צו די שויבן,
דיַין כאוועד — דיַין לעבן איז דאָ.

דו פילסט ניט, ווי שאָען פארגייען,
די צייַט, זי פארלויפט אזוי שנעל.
דו מיט דיַין כאוועד — אינצווייען,
מיט איַיך איז די גאנצענע וועלט.

1944

ווײַסע רויזן

אין א קרוג מיט וואסער פרישע
ווײַסע רויזן אױף מײַן טישל.
גיט מײַן הארץ א ציטער ווידער,
אויסגעבענקט זיך שוין נאָך לידער,
מײַן געזאנג אין מיר פארשפארט.
עפשער האָסטו זיך דערוואַרט,
מײַן פארשעמט, פארשטויסן וואָרט?
זעסט, די רויזן שמעקן פאָרט!

ווײַסע רויזן, בלעטלעך גרינע,
אױף די שטענגלעך — שטעכערס דינע,
כ'נעם א צווײַג, צעשטעך די פינגער,
ווערט מיר פון דעם ווייטעק גרינגער,
ווערט מיר בעסער, ווערט מיר לײַכט,
און א קאפ די אויגן פײַכט,
פאר מײַן טרײַ און ערלעך וואָרט,
יאָ, די רויזן שמעקן פאָרט.

ליבשאפט איז מיר נאָך געבליבן,
כ'קאָן זיך נאָכאמאָל פארליבן,
נאָר אז גוט זאָל זײַן אונדזביידן,
מוז איך, ווי מײַן מאמע ריידן,
מוז איך זאָגן, מוז איך טײַנען:
ליבע, טײַערע דו מײַנע...
מיט מײַן עמעס, הארציק וואָרט.
און די רויזן שמעקן פאָרט...

ניין, ס׳האָט גאָרנישט ניט געטראָפן,
ס׳האָט זיך גאָרנישט ניט פארלאָפן,
זומער, נאָכן טאָג ווערט קילער,
קומט דער אָוונט־שטערן, שטילער.
מיט דער שטילקייט קומט די פּיין,
גיסט זיך אינעם הארץ אריין.
עלנט בלייב איך מיט מיין וואָרט.
און די רויזן שמעקן פאָרט...

1949

אין וואַרשע האָט רוזשע געלאָזן אַ מאַמען

רוזשע, דאָס ייִדישע מיידל פון וואַרשע,
האָט זעלטענע אויגן צוויי, שוואַרצע, ווי קאַרשן.
נאָר טאָמיד עס דאַכט זיך, אַז זיי זײַנען פײַכטע
און עטוואָס פאַרצויגן מיט נעפּל מיט לײַכטן.

אין וואַרשע האָט רוזשע געלאָזן אַ מאַמען,
אַ גאַנצענע שטאָט איז געשטאַנען אין פלאַמען,
מיט שויבן צעזעצטע אין יעטווידן מויער.
אוואַדע דערפאַר איז דער בליק איר פאַרטרויערט.

אַף וואַרשעווער גאַסן געפּאַקט איז און רוישיק.
עס טראָגט זיך איר מאַמע אַרום מיטן קוישל.
איר אַלטינקע מאַמע, די האַרציק־געטרײַע,
זי וואָלט פאַר די קינדער געלאָפן אין פײַער.

די קלײנינקע מאַמע, די בעריע, די שטילע,
קיין פליג אַף דער וואַנט ניט געטשעפּעט אפילע...

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— רוזשע, דו ווייסט ניט די נײַסן אוואַדע,
עס האָט דאָרט דײַן מאַמע געבויט באַריקאַדן.
אין וואַרשעווער געטאָ אַן אופשטאַנד געווען איז,
דײַן אַלטינקע מאַמע האָט ווידערגעשפּעניקט.

אַ קראַפּט איז אַזאַ אין דײַן מאַמען פאַרבאָרגן —
מיט ביינקע פינגער די דײַטשן געוואָרגן.
אין אויגן בא איר האָט די סיבע געזאָטן,
מיט שטיינער געשלײַדערט, מיט פריסעק געשאָטן.

אף ברוכשטיק פון דעכער, פון ציגל און מויער,
זי האָט זיך געוואַלגערט אין בלוט בא איר טויער,
איר נאָמען האָט קיינער געוויס ניט פאַרשריבן,
און דאָך איז איר אָנדענק אף אייביק פאַרבליבן.

— —

כ׳האָב די שטולן צערוקט, און א פלאַץ כ׳האָב געמאַכט,
אַלע טירן צעפּראַלט אינעם מיטן דער נאַכט,
נאָר ס׳איז ענג און עס שטיקט, און די לופט איז אין קלעם,
איך צעשלייַדער דעם דאַך, און די ווענט איך צענעם,
איז די שטאָט ניט גענוג, און צו קליין איז דאָס פעלד;
כ׳האָב הארוגים אַזויפיל — א גאַנצענע וועלט.
ס׳גייען אויף פון דער שלאַכט מייַנע טעכטער אַצינד,
און די זין, און די זיידעס, די מאַמעס, דאָס קינד.
זיי גייען אָן פּאַחד, זיי גייען אָן שרעק,
צו דער אייביקייַט אָפן פאַר זיי איז דער וועג.

1944

דאָס האַרץ פֿונעם דיכטער

שמואל האַלקינען אין אָנדענק

האַלקין, פֿאַרפֿלאַנצט האָסט דײַן „בוים פֿון לעבן"[1]
אין האַרץ פֿונעם פֿאָלק, בײַ דעם אײביקן קוואַל.
אָט דיר איז די גרויסע מתּנה געגעבן —
דײַן ליד זאָל מיט גלויבן זײַן באַשטראַלט.

איך זע דיך אַרומגײן אין סאָד פֿון די לידער,
פֿון טויזנטער קלאַנגען טײלט אױס זיך דײַן קאָל;
ביזוואַנען עס לײגט זיך דער שאָטן אַנידער,
ביז ס'נידערט אַרונטער די זון אינעם טאָל.

דו דאַרפֿסט עפּעס רוען, מײַן דיכטער, מײַן ליבער? —
די זון אַף אַ קרױן פֿון אַ דעמבע דערבערענט.
די ראָזקײַט פֿון אָוונט אין בראָנז גיסט זיך איבער,
און טונקלעניש הילן זיך אײַן דײַנע הענט.

פֿאַרוואָס גיט מײַן האַרץ יעדע ווײַלע אַ ציטער? —
ביסט מיד פֿונעם גאַנג, אויך דײַן שטעקן איז מיד.
צוקאָפּנס בײַ דיר כ'וועל זיך שטעלן און היטן,
אַ שאָד מיר דײַן נאָך ניט געבאָרענע ליד.

---

[1] דאָס בוך לידער פֿון שמואל האַלקין, וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע אין מעלוכע־פֿאַרלאַג „דער עמעס" אין 1948, האָט געהײסן „דער בוים פֿון לעבן".

איך שטיי אוף באגינעז דײַן שטים צו דערהערן,
ס'איז גוט, וואָס מיט דיר הייבט אָן זיך דער טאָג.
אין הימל פארלעשט זיך דער לעצטער שטערן,
א פויגל אָן ערשטער דערלאנגט זיך א טראָג.

גוט־מאָרגן דיר, שמועל! גוט־מאָרגן, מײַן האלקין!
איך זע אין די אויגן — א ליד האָסט געבראכט.
דו שווינסט דײַן געזונט נישט, כ'פארשטיי! נו, איז אלקיין? —
די בלום, יעדן אָוונט איר בעכער פארמאכט,
נאָר דו האָסט געשריבן, נאָר דו האָסט געוואכט,
ס'איז פריש נאָך דײַן שורע פון טוי פון דער נאכט.

דו ווערסט שוין ניט אנדערש, אז אנדערש דו קענסט ניט,
און אנדערש דו ווילסט ניט — עס וויל ניט דײַן הארץ!
ווײַל וואָס איז דאָס וואָרט פון פאָעט, אויב עס ברענט ניט?
אז וואָס איז דאָס פײַער אין אש, א פארשארטס?

אזוי ווי דער סנע קומסטו אָן זיך באווײַזן —
ער שטייט אין דעם פײַער און ווערט ניט פארברענט.
נאָר דאָס הארץ פון א מענטש איז דאָך פאָרט ניט פון אײַזן,
ווען שטאָל ווערט צעשמאָלצן, ווען ס'פאלן אײַן ווענט.

געמוזט האָט זײַן הארץ דער פאָעט מיט זיך טראָגן,
און שווער, און מיט שטיינער געווען איז דער וועג.
דורך שלאָפלאָזע נעכט, דורך די גרויע פארטאָגן,
דורך בייזע, דורך יענע פארשאָלטענע טעג.

ר'האָט לידער געבראכט פון זײַן וואָגל און וואנדער,
וואָס דען זאָל ער ברענגען מיט זיך, דער פאָעט?
אף העפקער געלאָזן דאָס הארץ מיטאנאנדער,
זײַן טרייסטנדיק וואָרט האָט, ווי פריִער, גערעדט.

האלקין, האָסט וועלדער אזויפיל געלאָזן
אָט דאָרט, ארום מאָסקווע, פּרײַנט אָן א שיר!
פאַרוואָס זאָלן הארבסטיקע ווינטן איצט בלאָזן
בא דיר אפן טיש, אין די בלעטלעך פּאַפּיר?

איך וויים, האָסט בעלאכעש דאָך שטענדיק געבעטן,
דײַן פּען זאָל ניט בלײַבן פאַריאָסעמט, פאַרשעמט;
דו האָסט דאָך די לידער פון טויזנט פּאָעטן
געשניצט מיט די פינגער, געגלעט מיט די הענט.

ווי איינזאם די ליבע איז איבערגעבליבן —
עס האָט זי דער איידעלער דיכטער פאַרלאָזט,
ער האָט ניט דערזונגען, ער האָט ניט דערשריבן,
זײַן שפּור וועט זי זוכן אין ווייכקײַט פון גראָז.

געוויינלעך, א ליד שרײַבט מען אָן אף צו טרייסטן —
דאָס הארץ איז א ווונד, די מינוט איז נאָך הייס,
נאָר וואָס זשע זיך נאַרן, מײַן כאַווער, דו ווייסט דאָך,
אז דאָ וועט ניט העלפן שוין מערער קיין טרייסט.

1960

אָט די אַלטע ערד...

אָט די אַלטע ערד,
זי ווילֿ אַלץ אייביק יונג זײַן,
זי ווילֿ עמעצן געהערן.
זי האָט מײַן האַרץ גערירט.
וויפֿל מאָל זי האָט זיך שוין אין גרינס געצירט
און געוויזן זיך אין פּראַכט פֿאַר ווײַטע שטערן.
אָ, די אַלטע ערד,
זי ווילֿ אַליין ניט בלײַבן
אין קרײַז מיט די גאַלגאַלים
דרייט זי זיך אַרום דער זון;
עפּשער וועט איר עמעצער פֿאַר אַ געליבטער קלײַבן.
ווי שווער עס איז איר אין דער אייביקײַט
די בענקשאַפֿט שטילן,
ווי בענקענדיק אין די פֿאַרנעפּלטע פֿאַרטאָגן
די בערג, די שטיינערנע אויף זיך צו טראָגן,
די אויפֿגעוואַכטע, נאָגנדע געפֿילן,
די יאַמען די שוימיקע,
די ווייכע שנייען,
און דעם גרויסן צאַר
פֿון מיליאָנען מאָל
פֿון זון־פֿאַרגיין?
טאָ וואָס זאָל איך שוין זאָגן —
איינער, אַ בען־אָדעם,
וואָס קאָן ניט צו קיין קרוין אַפֿילו
פֿון אַ בוים דערגרייכן,
וואָס אין גרינעם גראָז פֿאַרזונקען מײַנע פֿיס
אַזש ביז די קנעכל.

1961

די יעלן פאַראַקשנטע שווייַגן

פאַרוואָס זייַנען כמורנע די יעלן אין וואַלד,
ווען עס יובלט דער ליכטיקער זומער?
די פלאַמיקע זון אין דער הייך איז צעשטראַלט,
און דאָ איבעם מאָך — אַזאַ אומעט!

קיין איינציקער שטראַל עס דערגרייכט ניט אַהער,
די „לאַפּעס" געדיכטע פאַרשטעלן.
פאַרפלאָכטן מיט קרענץ, עס באַוועגן זיך שווער
די אַלטע, צעוואַקסענע יעלן.

פאַרצייַטיקע הערשער, צעפּאַטלטע בערד,
אין גרויע פּאַלאַצן, אין אַלטע.
די פּיס — אין פאַרשימלטער, מאָכיקער ערד,
די טירן — פאַרזשאַווערטע, קאַלטע.

צי איז דאָס פון כאָכמע, צי עפּשער פון צייַט? —
די יעלן פאַראַקשנטע שווייַגן.
אַ ווינטעלע בלויז גיט אַ יאָג אָן פון ווייַט
און גאַנוועט זיך דורך די צווייַגן.

נאָר עס קומט אַזאַ שאָ, ווען די זון שוין פאַרגייט
און בלענדיקע שפּיזן באַפאַלן;
דעמאָלט לייַכט אויף אויך די יעל מיט אַ פרייד,
פון די לעצטע, די גאָלדענע שטראַלן.

1957

מײַן ענטפֿער

דעם װײַסרוסישן דיכטער אַנאַטאָלי װעליוגין

װען „גאָט״ האָט די אױיצרעס צעטײלט, כ׳האָב פֿאַרשפּעטיקט,
געבליבן מײַן קינדהײַט איז דאָן ניט געזעטיקט.
טראָג איך אַ הונגער און קאָן אים ניט שטילן —
אַ שטענדיקן שטרעבן, אַ דראַנג און אַ װילן.
איך װיג נאָך אַלײן איצט מײַן קינדעריש װיגל,
איך הער נאָך מײַן קאָל, װי כ׳האָב דעמאָלט געשריגן.
אַהינטער מײַן פֿענצטער — אַ מידבער פֿון שנײען,
די אײנציקע פֿײגל — אַ פּאָר װאָראָבײען,
אַ בלײכע װאַזאָנע — דאָס אײנציקע בלימל,
אין קלײנינקן פֿענצטער — אַ קעסטעלע הימל.
אַ האַרבסטיקער רעגן, די שײַבעלעך װײנען,
אױף צײכנס, װי טרערן, געלערנט כ׳האָב לײענען,
כ׳האָב שרײַבן אױף אײַז פֿון די שױבן געלערנט,
און צײלן געפּרוּװט זיך איך האָב אױף די שטערן...
כ׳האָב װינציק דאָס ליכט פֿון דער זון אין די אױגן,
צו װינציק די פֿאַרבן פֿון רעגנבױגן.
צו װינציק מײַן יוגנט — די װײען פֿון ליבע,
און װײ מיר! װי װינציק כ׳האָב לידער געשריבן!
אַז װאָס פֿאַר אַן ענטפֿער דער צײַט זאָל איך געבן,
און װאָס פֿאַר אַ טערעץ דאָס שטורמישע לעבן,
װען ס׳קומט אָן די בענקשאַפֿט און נעמט באַ מיר מאָנען,
װען ס׳קומען די יאָרן און נעמען דערמאָנען?..
עס טרעפֿט אױך אַזױנס (האַלעװײַ זאָל ניט טרעפֿן),
װאָלסט עמעץ אַ נאָענטן דאָס האַרץ אױפֿגעעפֿנט,
נאָר ס׳רינגלט אַרום דיך אַ שטײנערדיקע שװײַגן,

און אויב דו ביסט עלנט, איז ווען א דײַגע?
דו שווימסט אום אין גלײַכגילט — אין נעפּל געדיכטן,
און ווער דאַרף דיך האָבן, כאָטש דו ביסט א דיכטער?..
און איך מוז מיט פרייד זיך מיט עמעצן טיילן,
און אויב ס׳איז א צאַר, מוז איך אויכעט דערציילן...
מײַן פרייד און מײַן וויי — איז דער פּערז און די שורע,
מײַן בענקשאַפט — די ליד, דאָס וואָרט איז מײַן גוורע.
אַן אויסדרוק א פרישער — איז וויל איך אזש שרײַען,
פּונקט ווי אנטדעקט כ׳וואָלט א שטערן א נײַעם,
איך טראָג זיך אין רוים מיט מײַן יונגער פּלאַנעטע,
פּאַרבעט אינעם פּלי די כאַווייִרים פּאָעטן.
איך קאָן דאָך נאָך אַלץ ניט די ליבשאַפט דערגרייכן,
איך גיי און איך קלײַב פון די ליפּן די שמייכלען,
איך היט יעדן בליק, ווי דער אורמענטש דאָס פײַער,
דאָס וואַרעמע וואָרט איז ווי פײַער מיר טײַער.
האָסט, כאַווער, געזען, ווי דער יאַם שלאָגט מיט שפּריצן?
אין איטלעכן שפּריצעלע פינקלען דאָך בליצן!
קאָנסט נעמען א כוואַליע אַף טראָפּנס צעשפּאַלטן,
וועט איטלעכער טראָפּן די זון אין זיך האַלטן.
אַזוי זון און אַזוי שאָטן אין זיך כ׳האָב פּאַרייניקט,
נאָר אַלץ איז מיר ווייניק, צו ווייניק, ווי ווייניק!
כ׳וויל שפּאַנען מיט אײַך — די סאָוועטישע יוגנט,
און וויפל איך שאַף ניט, כ׳בין אַלץ ניט באַנוגנט.
מ׳האָט איינמאָל מײַן קינדהײַט פאַרטיילט — כ׳האָב
פּאַרשפּעטיקט
און ביז אין מײַן עלטער כ׳בין אַלץ ניט געזעטיקט...

1960

* * *

און נאָכאמאָל וועל איך באזינגען די ליבע,
עס קומט אזא צײַט, אז מע מוז ווערן יינגער.
פאראן אזא יוגנט, וואָס גייט ניט אריבער,
פאראן אזא דראנג, וואָס דו קאָנסט ניט באצווינגען.

איז ווי זאָל איך זאָגן מײַן הארץ — עס זאָל שווײַגן?
ווי קאָן איך דען הייסן מײַן ליד זאָל פארשטילן?
א היר̈ש, וואָס פארפלאָנטערט די הערנער אין צווײַגן
פון בענקשאפט פארשמאכט, גייט אויס פונעם ווילן.

איך וויל, ווי די זון, אזוי אויסגיין אין פײַער,
דער ראנד פונעם הימל זאָל גליִען אין פלאמען,
די רעגע די לעצטע פון אָוונט איז טײַער,
איך קאָן מײַנע הייסע געפילן ניט צאמען.

דו הער, ווי עס זינגען די פויגלען באגינען,
ווי צארטקײַט מיט צארטקײַט רופן זיך איבער.
און ווער ס׳האָט זײַן גליק דורכן טאָג ניט געפונען,
וועט אויסגיין אין אָוונט פון בענקשאפט נאָך ליבע.

א וועג אזא לאנגן צו דיר כ׳בין געגאנגען,
ווי איינער דורך זאמדן א דאָרשטיקער, מידער,
געהיט כ׳האָב אין הארצן א שלאל מיט פארלאנגען,
איצט לייג איך דאָס אלץ דיר צופוסנס אנידער.

דאָס, וואָס ס׳אַוועק, וועט צוריק זיך ניט קערן,
און טײַער איז דאָס, וואָס עס איז נאָך פֿאַרבליבן,
איך האָב נאָך ניט אויסגעלעבט אַלע באַגערן
און נאָך ניט דערזונגען דאָס ליד פֿון דער ליבע.

1961

* * *

עס וויל די כוואַליע מיטן יאַם זיך ניט צעשיידן,
קלאַפּט זיך אָן אין ברעג און לויפט צוריק צעטראָגן;
ווײַסע פערד צעשוימטע, אָדער וואַסער־מיידן
איינע נאָך דער צווייטער יאָגן זיך און יאָגן.

עס וויל די כוואַליע מיטן יאַם זיך ניט צעשיידן,
די צעשיידונג איז א ווייטעק אומגעהויער;
ווײַל די וועגן, זיי צעגייען זיך פאַרשיידן,
ווײַל צעשיידונג איז שוין אייביק טרויער.

ס׳וויל די כוואַליע מיטן וואַסער זײַן פאַרייניקט,
ס׳איז ניט גוט פון יאַם צו ווערן אויסגעשפּיגן,
אָט ווי יענע פישעלעך די טרוקענע, די קליינע,
וואָס זײַנען אפן זאַמד, באַם ברעג געבליבן ליגן.

עס וויל די כוואַליע מיטן יאַם זיך ניט צעשיידן,
דראַפּעט זיך אַרוף א צווייטער כוואַליע אפן רוקן.
בא דעם יאַם דעם רוישיקן מיר שטייען ביידע,
מיט אויגן פול מיט ווונדער גאַפן מיר און קוקן:

די פאַרליבטע כוואַליעס פּלוידערן און ריידן,
אַז די פרייד פון זײַן צוזאַמען איז דאָך אומגעהויער.
עס וויל די כוואַליע מיטן יאַם זיך ניט צעשיידן,
ווײַל צעשיידונג מיינט שוין אייביק טרויער...

1959

צוויי דעמבעס

צוויי דעמבעס פאַרוואַקסן צוזאַמען,
אליין, אינעם פעלד — אינדערמיט.
צוויי גלײַכע, צוויי מעכטיקע שטאַמען,
פּונקט ווי פון אוראַלט פאַרהיט.

די צווײַגן, ווי אָרעמס אין ליבע, —
איינער אין צווייטן פאַרדרייט.
א בלאַט מיט א בלאַט פלעכט זיך איבער —
א בוים האָט זײַן אייגענע פרייד.

די וואָרצלען, ווי ריזיקע קנאָכן —
איין לײַב — פון איין ריפּ, פון איין ביין.
א לעבן, וואָס ווערט ניט צעבראָכן,
א ליבע, וואָס וועט ניט פאַרגיין.

א בליץ האָט געוואָלט זיי צעשיידן,
זײַן טויטלעכן פײַער געשיקט,
איצט שטייען זיי נאַקעטע ביידע,
די קאָרע די האַרטע צעפּליקט.

נאָר שטאָלץ, מיט אקשאָנעס זיי שווײַגן,
א יאָר נאָך א יאָר פליט אוועק;
זיי טראָגן די זון אויף די צווײַגן,
זיי שטייען דעם שטורעם אין וועג.

די צײַט וועט די ווונד זיי פארהיילן —
פארגלעטן די דעמבענע הויט.
אָט זיי וואָלטן קאָנען דערציילן,
אז ליבע איז שטארקער פון טויט...

1959

די שטיינער פון מײַן גאַס

* * *

טעג און נעכט איך הער ניט אויף צו לייענען לידער,
און ניט אָנגעלייענט זיך אַלץ נאָך צו דער זעט;
פּערזן, לידער, און ס'ווילט זיך לידער ווידער,
מיר פעלט די ליד פון ניט־פאַראַנענעם פּאָעט.

ווי א גערטנער גיי איך אום אין לידער־גאָרטן,
פון אַלע שענסטעביימער האָב איך שוין פאַרזוכט,
נאָר איך ווייס נאָך אַלץ ניט, וווּ עס וואַקסן דאָרטן
די פאַרבאָרגענע גאַניידן־פרוכט.

איך וואָלט געוואָלט זיך ווען־עס־איז אַליין פאַרזינגען,
איך זוך דעם היכן ניגן און געפין אים ניט.
פאַרמאָגן דאַרף מען פּאַגאַניניס פינגער,
אַרויסצוקישעפּן פון זיך די ווונדער־ליד.

1957

* * *

כ׳בין גאָרנישט ניט שולדיק דער זון,
דעם פרילינג כ׳בין אויך גאָרניט שולדיק.
צי ווייסטו, מײַן פרײַנט, פונדערפון —
א ווינטער געוואַרט כ׳האָב געדולדיק,

געפּראָרן מיט איטלעכן קוסט,
מיט יעטווידן נאַקעטן צווײַגל.
געוואַרט, נאָר געגלייבט און געוווּסט,
אַז דער שטראָם אונטער אײַז וועט ניט שווײַגן.

ער וועט זיך א טראָג טאָן פאָרויס —
א מיידל צעשטורעמט פון בענקען,
ער וועט פון די ברעגעס ארויס
און שעטעכן פעלדער פארשווענקען.

ניט איך האָב די בלויקײַט פארשמידט
אין כמארעס אין קאַלטע, אין גרויע;
בא מיר האָט אין הארצן געבליט,
געפאלן אף מיר זײַנען טויען.

איצט ליגט א שטיק זון אף מײַן טיש —
א טישטעך מיט גאָלדענע פלעקן;
ווי א דופּטיק ברויט, אזוי פֿריש
אין בלענדיק־געשײַערטן בעקן.

איך האָב שוין קיין רו ניט אצינד,
א שפּאן טאָן איך וועל איבער סקווערן,
פאַרבעטן דעם וואַרעמען ווינט,
די גרעזער צו שפּראָצן באַשווערן.

כ׳בין גאָרנישט ניט שולדיק דער זון,
דער פרילינג, ער וועט מיר פאַרגעבן.
זײַ וויסן, מײַן פרײַנט, פונדערפון, —
זאָל פרילינגדיק ווערן דאָס לעבן.

1957

דו גייסט מיר ניט ארויס פון זינען

דו גייסט מיר הײַנט א גאנצן טאָג
ניט ארויס פון זינען,
איך וועל א ליכטיקײַט אין זיך
שוין טראָגן ביז באגינען.

בייג זיך נעענטער צו מיר צו,
נייג מיר אָן דײַן אויער;
כ׳וועל ארומנעמען דײַן קאָפּ
און א סאָד פארטרויען:

מיר איז ווינציק נאָר איין קינד,
כ׳וויל א שטוב מיט קינדער.
ליבשאפט ווייעט שוין פון מיר
אף איטלעכעס באזונדער.

זאָל איך אזוי גליקלעך זײַן,
כ׳זאָג דיר ניט קיין ליגן;
כ׳וועל האָדעווען אליין
און אליין פארוויגן.

איך וועל זײַן א בער אין וואלד,
מאכן „בו״ און ברומען,
און ניט מיד ווערן מיט זיי,
ביז דו וועסט ניט קומען.

דו וועסט גיין נאָך אַף די טרעפּ,
וועלן מיר שוין וויסן,
און צוזאַמען, אין א כאָר,
וועלן מיר דיך גריסן:

— א גוטן־אָוונט, מאַמינקע!
אַז די שטוב וועט קלינגען,
און א כאַפּ טאָן דיך אין קרייַז,
דרייען זיך און זינגען.

דו וועסט ברענגען ווייַסע ברויט,
פּוטער, מילך און עפּל,
איטלעכן אין האַנט אַרייַן,
און א קוש אין קעפּל.

און אַז איר וועט שלאָפן גיין
פריילעכע און מידע,
וועל איך זעצן זיך צום טיש
שרייַבן מייַנע לידער.

1940

פרילינג אין מינסק

זעסט, אף אָפּגעבערענטן בוים
איז ארויס א גרינע בלאט,
עס האָט אָפּגעבערענט זײַן קרוין,
נאָר דעם וואָרצל ניט געשאט.

סארא ווינטערן געוועזן,
סארא דונערס ווײ און ווינד;
זאָל א מאמע קומען ווען
אײַנצושלעפערן א קינד.

כאָטש א שפערעלע אַמאָל
זאָל א שפּיל טאָן מיט זײַן פּאָר,
הערן כאָטש א לוסטיק קאָל
דורך א קײַלעכיקן יאָר.

צווישן כורוועס שטייט א שטאָט,
הויל און נאקעט און פארשעמט.
אָט אזוי ארויס פון פלאם —
אָן א ברעקל גרינעם העמד.

און דער בוים האָט אלץ געוואַרט,
אײַנגעאקשנט, גרוי און גרײַז.
האָט זײַן קרוין געדארט, געקוואַרט,
נאָר די ערד האָט אים געשפּײַזט.

4*

איצטער זעט שוין קינד־און־קייט,
אז דער בוים האָט זיך צעגרינט.
הילכט די גאנצע גאס פאר פרייד,
און עס רוישט דער פרילינג־ווינט.

אזא פרישע, גרינע בלאט
אפן אָפּגעבערענטן בוים.
ס'האָט זײַן וואָרצל ניט געשאט —
שפּראָצט שוין איצט א נײַע קרוין.

1945

* * *

כ׳וועל קיינעם ניט דארפן דאָרט פרעגן,
און מער וועט שוין קיינער ניט זאָגן,
אליין וועלן פירן די וועגן
אהין, וווּ די פיס וועלן טראָגן.

וועט יעטווידער פלאץ מיך דערקאָנען,
א שטיין פונעם ברוק וועט דערציילן,
די קוימענס, וואָס סטארטשען, דערמאָנען
די ווונד, וואָס איז שווער צו פארהיילן.

דער וואָלף קערט זיך אום צו זײַן נאָרע,
די פויגלען — צו זייערע נעסטן;
די פעלדער — פארזייטע מיט קוואָרים,
נאָר שווער איז די היים צו פארגעסן.

די שוואלב וועט איר נעסט ניט געפינען,
וואָס זי האָט געבויט פאראיאָרן;
און איך האָב געטראָפן רוינען,
מײַן היים איז דאָ כאָרעוו געוואָרן.

די צווײַג צו דער זון טוט זיך ציִען,
דאָס גראָז שפּראָצט ארויס פון די שטיינער,
די ערד וועט זיך ווידער צעבליִען
אף אש פון פארסארפעטע ביינער.

מיט פלײַס פונעם קלײנינקן פויגל
מײַן היים װעל איך װידער זיך בויען.
ביז ביטערן שװײס אין די אויגן
די ציגל כ׳װעל שלעפּן צום מויער.

און דאָרטן, װוּ בלוט איז געפלאָסן
פון מײַנע געפאלענע ברידער,
קײן קלאנג זאָל ניט װערן פארלאָשן,
און אופגײן דאָס לעבן זאָל װידער.

1944

וועגן איינער א פאסירונג

ארום איז די געגנט צעאקערט געלעגן,
די בריקן צעשלײַדערט, צעגראָבן די וועגן.
די בויונג גערוישט האָט מיט שווערע מאשינען,
א דורכגאנג געווען איז דאָ שווער צו געפינען.
געזוכט כ׳האָב א שטעגל צווישן די גריבער,
א שפרונג, און אין גרוב, און איך קאָן ניט אריבער...

— שטיי איך און שמייכל אליין פון מײַן שוואכקײַט
ס׳איז קאָמיש מיסטאמע? ווי דען? — און מיר לאכט זיך!
האָט איינער א כאוועך, א יונגער, דערנעבן, —
און אויך מיט א שמייכל, — די האנט מיר געגעבן.
דערזען כ׳האָב צוויי היימישע, ווארעמע אויגן,
און ער האָט פון גרוב מיך ארויסגעצויגן.
איז וואָס האָט באזונדערס אזוינס דען געטראָפן?
נאָר מיר איז א שטראָם דורכן לײַב דורכגעלאָפן;

עס האָבן צעשפילט זיך אין מיר די געדאנקען,
און ס׳האָבן מיר ווערטער געפעלט, אים צו דאנקען.
ניט לאנג האָבן מערדער דאָ קינדער געטראָטן,
לעבעדיק לײַב אין די גריבער פארשאָטן,
א ברעקעלע איינס איז אין גרוב דאָ געשטאנען,
געצערדט צום פאשיסט (ס׳האָט נאָך גאָרנישט פארשטאנען) —

— דאָס גאָלדענע קעפעלע האָט עס פארבויגן
„וואָס שיטסטו מיר, פעטערל, זאמד אין די אויגן?"..
ניט איב׳ריק געוויס איז דאָס איצט צו דערציילן,
ווײַל וווּנדן אין הארצן איז שווער צו פארהיילן...

דערוועקט אין מײַן האַרץ האָט אַ העכערן גלויבן; —
דעם גלויבן אין מענטש, וואָס מײַן לאַנד האָט דערצויגן,
דער מענטש מיט וואַרעמע, פֿרײַנטלעכע אויגן...

1944

די שטיינער פון מײַן גאַס

פאַראַנען אַזוינס, וואָס געזען האָט ניט קיינער,
אַכוץ פון מײַן גאַס די געטעסעטע שטיינער.

די שטיינער ווי אַלעמאָל שטומע פאַרבלײַבן,
און דאָס, וואָס זיי ווייסן, איז ניט צו באַשרײַבן.

נאָר סײַווי דעם איקער מע קאָן זיך דערוויסן,
ווי דאָ האָט מען שטיינער פון ברוק אויסגעריסן,

געשלײַדערט אין סוינע, געשפּאָלטן דעם שאַרבן,
געשטאָרבן, ווי ס׳קאָנען גיבוירים נאָר שטאַרבן.

ווי אַלט איז דער שטיין פון מײַן גאַס, וויפל יאָרן?
— שוין עלטער געוויס פון מײַן קלאָרן זיקאָרן.

ער ליגט דאָ אַ האַרטער אין ברוק אײַנגעוואַקסן.
עס האָבן דורך זומערס געשוווּנקט אים די שלאַקסן.

אַף אים זײַנען פּאָרלעך פאַרליבטע געגאַנגען,
און זיגער מיט פאָנען, מיט הייסע געזאַנגען.

דער שטיין איז אַן אַקשן, צי עפּשער באַשיידן?
אַזוי צי אַזוי, נאָר ער וועט שוין ניט ריידן.

מיר דאַכט נאָר, אַז ער איז באַרויִקט אַ ביסל;
דער ברוק פון מײַן גאַס ליגט צעשלײַדערט, צעשליסן.

אי לענגער, אי ברייטער די גאַס בויט מען איבער,
און ערגעץ מע פּירט זיי, די שטיינער, אַריבער.

אַנטשולדיקט! מע וועט מיט אַספאַלט אײַך פאַרבײַטן,
נאָר האַרטערס פון אײַך מיר פאַרבײַטן — די צײַטן.

נאָר סײַווי מע וועט אײַך נאָך, שטיינער, באַנוצן,
פאַרטעסען, באַנײַען, די ברעגעס באַפּוצן.

די כוואַליעס די אַלטע מיר וועלן צעוואַרפן,
פאַר נײַע בנינים מע וועט אײַך באַדאַרפן.

ווי אייד־עס ווי שטומע, איר וועט דאָ פאַרבלײַבן,
מיט האַרטקייט פון שטיין די געשיכטע פאַרשרײַבן.

1949

צום קלעזמער

דעם צווייטן דעקאבער 1944 האָב איך אף די
מינסקער גאסן באגעגנט דעם פידלער ארן
בעסמערטני.

קלעזמער, שפיל אויס מיר א ניגן אָן נאָטן,
און ניט אף קיין פלייט, אף קיין באס,
דו גיב מיר א שפיל אף צעריסענע דראָטן,
וואָס הענגען אף כאָרעווער גאס.

און לאָמיר ארומגיין די פלעצער, די הויפן,
בעשוטפעס מיט ניגן און ליד.
א קינדער־געזעמל וועט קומען צו לויפן,
און מיר וועלן שטיין אינדערמיט.

קלעזמער, שפיל אויס מיר דעם ניגן פון צאָרן,
אין צאָרן דער טרויער פארגייט.
דאָס האָב און דאָס גוטס איז דאָ כאָרעוו געוואָרן,
נאָר ס׳לײַכט פון ניצאָכן די פרייד.

דורך אונדזערע גאסן עס פירן די וועגן —
קיין מײַרעוו עס פירט יעדער וועג.
פון אונדזערע טירן מ׳עט לויפן אנטקעגן
די זיגער אין ליכטיקע טעג.

קלעזמער, שפּיל אויס מיר דעם ניגון אָן נאָטן —
פון לעבן, פון זיג און פון האס.
שפּיל אויס מיר א ליד אף צעריסענע דראָטן,
וואָס הענגען אף כאָרעווער גאס.

1944

אין ראָם פֿון אַ פֿענצטער

דאָס מיידל אין דער ראָם פֿון פֿענצטער
פּוצט די שויבן,
און אַרום איר קאָפּ עס פֿלאַטערן
אַ סטײַע טויבן.

איר קליידל פֿאַלדעט זיך אין ווינט
אַרום די קני׳ען,
אָט־אָ, דאַכט זיך, זי אַליין
וועט נעמען שוועבן, פֿלי׳ען.

זי וועט אַרויס פֿון ראָם — אַ טויב
מיט צעלאָזטע פֿליגל,
אויף די כוואַליעס ריינער לופֿט
זי וועט זיך נעמען וויגן.

ס׳איז די זון באַפֿאַלן אירע האָר
און אויגן,
ביידע ווײַסע הענט צענומען,
ווי זי וואָלט געפֿלויגן.

דאָס מיידל אין דער ראָם פֿון פֿענצטער,
אויף די העכסטע הייכן.
ווי אַ בילד, אַ לעבעדיקס, איך ווייס ניט,
ווער ס׳האָט עס געצייכנט!..

1961

באם דענקמאָל פון יאנקא קופּאלא

וואָס גרעסער דער דיכטער, אַלץ מערער באַשיידן,
מיט פּאַשעטעסטע ווערטער ט'קופּאלא גערעדט.
אַזוי קאָנען גרויסע פּאָעטן נאָר ריידן:
„איך זוך ניט קיין קאָוועד, כ'בין ניט קיין פּאָעט".

פרימאָרגן, איך קום בא זײַן דענקמאָל זיך שטעלן,
דער טוי איז נאָך פריש אף דעם פּיעדעסטאַל.
באַם זון־אופגאַנג וועל איך דעם דיכטער באַשטעלן
אַן ערשטן, אַ לויטערן, גאָלדענעם שטראַל.

די שטאָט האָט פון שלאָף איצט צעעפנט די אויגן,
מיט בלענדיקער ליכט אין אַ יעטווידער שויב,
מיט הייב־קראַנען — שטאָלענע שנאָבלען פון פייגל,
וואָס פּיקן די לעצטע רוינען פון שטויב.

ווי ווײַט נאָר עס קאָנען די בליקן דערגרייכן,
פלאַקערט די זון־שײַן אף פרישקײַט פון ווענט.
עס האָבן פאַרמאָסטן זיך הייכן מיט הייכן,
פון נעכטן ביז הײַנט כ'האָב דיך, מינסק, ניט דערקענט.

די זון איז אַליין איצט דערהויבן געוואָרן —
אַף הויכע ביניאָנים עס קלעטערט איר שײַן.
פאַרטאַגיקע וואָלקנדלעך ליכטיקע, קלאָרע,
שווימען דאָרט, ווו אין אַ פענצטער אַרײַן.

דאָ שטייט ער, דער דיכטער ווײַסרוסלאַנדס — קופּאלא,
מיט כאָכמע באַטראַכט ער דעם גאַנג פון דער צײַט;

קיין קלאנג פון זײַן ליד וועט ניט ווערן פארפאלן,
זײַן וואָרט, ווי דאָס לעבן אליין איז באַנײַט.

מיר היטן די לידער פון ווייטעק און צאָרן,
די לידער פון גלויבן, פון טרייסט און פון זיג,
און לידער פון גרויע, פון פינצטערע יאָרן,
פון יאָך, פון זשאנדארמען, פון טליִעס און שטריק.

ווי א קוואל איז די ליבשאפט צום פאָלק בא דעם דיכטער,
זײַן ווײ און זײַן פרייד אינעם הארצן ער טראָגט.
אין דעם שטורמישן גאנג פון ווײַסרוסלאנדס געשיכטע
דאָס לעבעדיק הארץ פון קופאלען עס שלאָגט.

פון רעכטס פון זײַן דענקמאָל — די מענטשן די פּראָסטע,
פון לינקס רינגלט אום אים די מי פונעם טאָג.
פאָרויס שפרייט די ליבשאפט, וואָס ער האָט געלאָזט דאָ,
זײַן הארציקע, מונטערע ליד זיך דערטראָגט.

די פייגעלעך קומען מיט אים זיך באגריסן,
פון אויבן — די זון אף זײַן קאָפּ, ווי א קרוין.
און רעגנס צופוסנס די בלומען באגיסן,
פון אונטן — די ערד די באפרײַטע — זײַן לוין.

פאראנען געפילן, וואָס בלײַבן אָן ווערטער,
ווי טראָפּנס פון טוי, אזוי דורכזיכטיק, קלאָר,
כ'בין שטאָלץ פון דערפון, וואָס געווען איז באשערט מיר
צו שאפן מיט אים אין דעם זעלביקן דאָר.

מײַן ליד כ'האָב געבראכט, ווי א קראנץ דאָ צו לייגן,
און אלץ, וואָס איך האָב ניט דערזאָגט, ניט דערעדט.
מיט צאַרטסטע געפילן מײַן קאָפּ טו איך בייגן
פאר יאנקאָ קופאלען — דעם גרויסן פּאָעט.

1957

אין פֿרײַערלעכן װוּנדער

כ׳האָב אַלץ ניט געקויפֿט זיך קיין שליאַפּע,
איך טראָג נאָך די שטיוול פֿון װעג;
די נעכט זײַנען װינציק און קנאַפּ מיר,
עס סטײַען מיר אַלץ ניט קיין טעג.

איך גיי אום קעסיידער פֿאַרװוּנדערט,
איך האָב דאָ אַזױפֿיל צו זען,
פּונקט װי איך װאָלט אַ יאָרהונדערט
אַף אייגענער גאַס ניט געװען.

װוּהין כ׳זאָל די אויגן ניט װענדן,
איז אַלץ אַזױ פֿריש און באַנײַט;
די צײַט האָט דאָ אַלצדינג געענדערט,
נאָר ייִנגער געװאָרן ז׳די צײַט.

ס׳איז, דאַכט זיך, אַ קלייניקע װײַלע,
זינט איך האָב פֿאַרלאָזן מײַן ברעג,
און כ׳קאָן ניט דעריאָגן די מײַלן,
װאָס זײַנען מיט אימפּעט אַװעק.

אין פֿריילעכן לױף פֿון מאַשינען
אַ פֿרײַנטלעכע האַנט מיך באַגריסט;
מײַן אָרט װעל איך װידער געפֿינען
אין שטראָם פֿונעם לעבן, װאָס פֿליסט.

אין מײַנע צעעפנטע אויגן
גענומען האָט שפּילן די פרייד,
די פארבן פון רעגנבויגן
איז איבער די ברעמען פארשפּרייט.

ווי פּײַערלעך שיין איז דער זומער,
דיביימער מיט קרוינען באצירט.
דער שטילער, פארנאכטיקער אומעט
פון צערטלעכער ליבשאפט באריִרט.

איך גיי אום אין זוניקן וווּנדער,
איך האָב דאָ אַזויפיל צו זען,
פּונקט ווי איך וואָלט א יאָרהונדערט
אף אייגענער גאס ניט געווען.

1956

זעסט, מײַן קינד

כ׳וועל גיין צו דעם קליינוואַרג

1

נאָך קלייניקע העגטלעך באַם קינד,
און זײַנען קעסיידער פאַרנומען, —
אָט כאַפּט עס אין מויל זיי געשווינד
און קנאַקט מיטן צינגל אין גומען.

די פויסטלעך די שטײַפע פאַרקלעמט —
פאַראַנען אין זיי איז שוין גוואַלד.
ווײַזט אויס, פון געבוירן די העגט —
זיי טראָגן אין זיך שוין אַ שטורעם.

עס וויגט אַרום וויג זיך די ערד
אין בלענדנדיקע רעגנבויגנס,
דער הימל ליגט איבערגעקערט
אין בלוי פון די קינדערשע אויגן.

וואָס זעט עס, דאָס קינד, דורך דער שויב,
ווען ס׳שפּרינגט אין די העגט באַ דער מאַמען, —
אַף זײַלן פון זוניקן שטויב
עט כוואַליען זיך לופטיקע יאַמען.

און ס׳רוישט, ווי אַ בינשטאָק, די צײַט,
די וועלט האַלט נאָך אַלץ אינעם ווערן.
דאָס קינד שטרעקט די העגט אין דער ווײַט,
אַהין — צו דער זון, צו די שטערן...

2

כ׳וועל גיין צו די קינדערלעך לעקעכלעך עסן,
וועט עפשער די מידקײַט די ברוסט מיר ניט פרעסן.
זיי באקן פון זאמד אויס די טײַערסטע טאָרטן,
פון עטלעכע גראָזן בא זיי ווערט א גאָרטן.
פון בלעטלעך — א בעטל, פון מאָכן — א קישן.
פון גאָרניט זיי מאכן א מאָלצײַט א פרישן.
כ׳וועל גיין צו די מיידעלעך לעקעכלעך נאשן,
מילך וועל איך טרינקען בא זיי פון די פלאשן.
עס שלאָגט אזא היץ פון די ליכטיקע בליקן,
עס וועט מיך דער יונגער געלעכטער דערקוויקן.
איך קאָן ניט די שווערקײַט פון ערנסט פארטראָגן,
די כאָכמע — די עלטער איז שווער צו פאריאָגן.
עס פאָלגט ניט דער קערפער דאָס הארץ און דעם ווילן.
כ׳וועל גיין צו דעם קליינוואַרג אין זאמד מיט זיי שפילן,
כ׳וועל שטיפן — מיקלוימערשט די לעקעכלעך עסן,
די מידקײַט פארטרײַבן, די עלטער פארגעסן.

1956

זעסט, מײַן קינד

1

זעסט, מײַן קינד,
דער בוים אפֿן גאס האָט ניט געבליט,
דער פֿראָסט האָט אָפּגעפֿרוירן זײַנע צווײַגן.
איך געדענק נאָך פֿון אמאָל זײַן ווײַסן צוויט,
דעם שטילן שאָרך אין נאכטיק שווײַגן.
קיין פֿייגעלעך אין זײַנע בלעטער וועלן מער ניט זיצן,
און עס פּאסט זיך אזוי ניט דער נאקעטער בוים
צום זומער־רעגן און צו בליצן.
זעסט, מײַן קינד,
דיר איז דער זומער אזוי אויך געפֿעלן,
און מיר איז א שאָד,
וואָס דאָס בליִעכץ פֿון איין בוים וועט דיר פֿעלן.

2

זעסט, מײַן קינד,
דער הארבסט איז שוין געקומען,
דער רעגן הערט ניט אוף צו גיסן;
דו נאָר ווילסט פון גאָרניט וויסן —
דײַנע שיפן שווימען,
דײַנע ביימער בליִען, ווי אין זומער.
ווילסט א העזעלע פון וואלד,
קומט עס באלד.
א וואָלף, א יעגער און א בער.
אפילע זײַן א מאמע איז דיר אויך ניט שווער.
דײַן שפּילן זיך איז פול מיט כיין.
ווייסט, מײַן קינד,
וואָס איך טראכט דערבײַ און מיין?
אפּאָנעם, אז דער זומער
איז אין דיר אליין.

3

זעסט, מײַן קינד,
דער ווינטער איז שוין אויך געקומען צו אן ענד,
פארשוווּנדן איז שוין אויך דער ווײַסער בלענד,
ניט מאָלן וועט דער פראָסט קיין בלומען אף די פענצטער,
און דער שניי, דער סאמע שענסטער,
ליגט שוין אונטער פיס צעטראָטן.
א שאָד, א שאָד דער ווײַסער שניי,
דער ווינטער, וואָס פארגייט.
דער שענסטער איז א שניי,
וואָס שנייט.
עס יאָגט די צײַט,
עס בײַט זיך אויך די שײַן,
נאָר דו, מײַן קינד,
וועסט לאנג נאָך זײַן,
איך ווייס, איך ווייס,
און דאָס איז שוין פאר מיר א טרייסט...

1947

* * *

געזעגט כ׳האָב די קלייניקע לאַכן פון גראַניט,
ס׳איז פּאַשעט זיי פריילעך; עס אַרט זיי קיין האָר ניט.
ווייס איך פון וואָס — נישט געשטויגענע זאַכן,
באַווייַז זיי א פינגער, אבי מע זאָל לאַכן...
איך האָב אין מייַן לעבן געהערט שוין געלעכטערס,
איך בין אַף דער וועלט ניט פון הייַנט, ניט פון נעכטן.
זאָל קיינער דעם ביטערן טאַם שוין ניט וויסן
צו לאַכן דורך טרערן, ווען ס׳האַרץ ווערט צעריסן...
צו שפּייַען דעם מערדער אין פּאָנעם און לאַכן,
און מוטיק, ווי העלדן, די אויגן פאַרמאַכן...
און לאַכן, ווען מער איז שוין גאַרניט פאַרבליבן,
נאָר עלנט און נויט און א ביסעלע ליבע...
איך שטיי דאָ און הער, ווי עס לאַכן די קינדער,
קיין אַנדער געלעכטער איך ווייס ניט אַצינדערט.
אַזא־אָ געלעכטער, דאָס דאַרף מען דאָך קענען —
מע וויגט זיך אינגאַנצן, די אייגעלעך ברענען.
עס לאַכן די ליאַלקעס, די העזלעך, די בערן,
די פענצטער, די טירן און אַלע, וואָס הערן.
און ס׳לאַכן די דעכער אין זוניקן דרויסן,
אַף בלומען די בינען מיט וואָנצעס מיט גרויסע.
די הינטעלעך לאַכן מיט פריילעכן בילן,
עס קייַכן די פילקעס באַם לוסטיקן שפּילן.
עס קייַקלען זיך בלענדיקע, שטראַליקע רייפן,
הוידלקעס וויגן זיך, ס׳פלאַטערן שלייפן.
און סנאָפּעס מיט זון־שייַן אַף טורעמס זיך פלעכטן,
די גאַנצענע שטאָט לאַכט מיט הילכיק געלעכטער.

דאַס קינדער־געלעכטער איז ריינער פון זילבער,
אַף קלינגענדע טאצן צעשיטן זיך זילבן.
איך וואָלט אלע טענער, ווי פערל, געקליבן,
ווי נאַטן, אַף בלויקייט פון הימל פארשריבן,
די ליד אַף דער גאנצענער וועלט זאָל מען לייענען,
קיין קינד זאָל אין ערגעץ שוין מערער ניט וויינען.

1960

ליובע־ליובינקע

ליובע־ליובינקע — דאָס מיידעלע דאָס קליינע,
זי נעמט דאָס יינגל צערטלען בא דער האַנט,
און באַגײַסטערט גייען זיי איניינעם
אין דעם קישעפדיקן ליבע־לאַנד.

דיביימער בייגן זיך אין פײַערלעכן שווײַגן,
די יונגע בלעטער שאָרכען שטילערהייט,
און צוויי פייגעלעך פארפלאָמטע, אין די צווײַגן,
קושן אין די פיסקלעך זיך פאר פרייד.

איז דאָס פון דער זון מיט אירע שטראַלן,
צי עפשער פון די יונגע הערצער גאָר? —
נאָר די שיינע אויגן, ווי די קוואַלן,
פול מיט ליבשאפט בא דער קליינער פּאָר.

זי גלעט אים אויס די קרויזן אפן שטערן,
און זאָגט אים — איצטער ביסטו זייער שיין!
און עס אַרט זי ניט, וואָס גרויסע הערן,
זי ווערט אליין דערפון נאָך מאָלע־כיין.

דאָס קורצע קליידל, ווי א קווייט צעלאָזן,
אף איר קאָפּ די סטענגע איז צעבליט.
אז א ווינטל א פארשײַטס נעמט בלאָזן,
קושן אויס די גראָזן אירע קני.

אויך בּאַ מיר אין האַרצן וועקט זיך אוף די ליבּע,
פּונקט ווי בּאַ די קינדער אַזוי זויבּער, ריין;
אָט די שורעס האָב איך אָפּגעשריבּן,
כ'זאָל ניט בּלײַבּן מיט מײַן בּענקשאַפט איצט אַליין...

1958

* * *

אפן גלאטן אספאלט
גייט ניט זיכער דאָס פערד.
ס׳קאָן זײַן, אז עס בענקט
נאָך דער ווייכקייט פון ערד,

ס׳קאָן זײַן — עס געדענקט נאָך
דעם בלאָטיקן ברוק,
דעם פורמאן — פארפארעט,
דאָס היטל פארוקט,

די קלאָלעס, די קוילעס,
די בײַטש און דעם קנאל,
קאָן זײַן — עס דערמאָנט זיך
די סטאַילע אין שטאל.

עס פליִען מאשינען
אף גלאטן אספאלט,
עס דאכט זיך דעם פערד —
אָט־אָט — און עס פאלט.

ניט געוווינט אפן ברוק
אפן גלאטן צו גיין,
און ס׳איז אומעטיק עפּעס
איין פערד דאָ אליין...

נאָר פּלוצלינג א פונק
פון אספאלט גיט א שפּריץ,
פון אונטער פּאָדקאָווע
א בלענד און א בליץ,

און פעסטער די טריט
נעמט אויך שטעלן דאָס פערד
אפן הארטן אספאלט,
אף דער זיכערער ערד...

1959

א גוטע בסורע

זון, דו הערסט? איך זאָג דיר אָן א גוטע בסורע,
עפשער ווייסטו ניט דערפון? —
א נײַער מענטש האָט זיך באוויזן אױף דער ערד!
האָסט נאָך ניט געהערט?
אָנגעקומען ס'איז דער מוטער מיט יעסורים.
הער זשע, זון,
אָן שום טײַנע,
דו מוזסט שײַנען!
און די וואָלקנס זאָלסטו נעמען
און צעיאָגן זיי אין אלע זײַטן.
און די שענסטע פייגל זאָלסטו ברענגען גלײַך
פון ווײַטסטע ווײַטן.
און די שטורעמס זאָלסטו באפעלן שווײַגן,
און די קנאָספּן זאָלסטו עפענען אױף אלע צווײַגן.
זון, דו הערסט? —
ס'איז שוין אלט א טאָג דאָס קינד,
פון געבוירן גלײַך מע הייבט אָן עלטער ווערן.
יעדע רעגע איז א שאָד אצינד.
זון, פארטרײַב דעם ווינט!
נאכט, שפּרייט אויס זיך איצט
מיט אלע דײַנע שטערן,
ווײַז, ווי די וועגערע פינקלט,
זאָל דאָס אייפעלע אזש גאפן,
זאָל עס זען, דאָס קינד,
ווי שיין עס איז די וועלט באשאפן.

1961

פון יענער זײַט יאַם

ליידיקע הענט

ווען א מענטש לייגט אוועק זײַנע הענט אױף די קני,
גיט אים באַם האַרץ א פאַרקלעם;
צוויי ריזיקע הענט, געוווינטע צו מי,
ליגן זיי ליידיקע גאָר אױף די קני...
כאַפּט אים א בענקשאַפט אַרום,
אַז עס ווערן אים הײליק די ציין;
און א צאָרנדיק, ביטער געברום
שרײַט פון זײַן גאַנצן געביין...
וואָס זאָל טאָן אַזא מענטש מיט די איבעריקע הענט,
וואָס הענגען אים נאָך, ווי די בײַטשן?
זאָל ער אַרומגיין און טרײַבן דעם ווינט,
צי זאָל ער זיך גאָר ווי א קינד
פאַרשטעלן די אויגן
און וויינען?
אױף אַרבעטער־הענט
זײַנען אָדערן־סטרונעס געצויגן,
אױף ליידיקע הענט שפּילט דער ווינט,
ווי א בויגן,
אױף אַלטן צעבראָכענעם פידל.
וואָס זאָל טאָן אַזא מענטש מיט צוויי ליידיקע הענט,
וואָס דאַרפן באַהעפט זײַן מיט לאָם און מיט רידל?
און אין טיף פון דער ערד
ליגן אויצרעס מיט גאָלד,
און אין וועלדער־געווילד
זײַנען ביימער פאַראַן פאַר ריזנדע ווענט;
און שטרעקעס מיט פעלד
פאַר ברויט און פאַר ווײַן,

פאר לײַן צו פארזייען, אף מילי־מיליאָנען ארשינען
לײַוונט צו שפּינען;
און עס בעט זיך דאָס גוטס פון דער ערד,
עס בענקט נאָך די הענט,
וואָס ליגן אף נאַקעטע טישן פארשעמט!
וואָס זאָל טאָן אזא מענטש מיט צוויי איב׳ריקע הענט,
וואָס הענגען אים נאָך — א באלאסט!
— — — — — — — — — — — — — —

הענט טראָגן האס,
אין הענט איז דאָ פײַער,
הענט קענען הײַזער פארברענען,
בריקן צענעמען,
פון פויסטן קאָן ווערן א וואלד
פון פארהויבענע דעמבענע שטאמען.
הענט קענען גיין מיט געוואלט,
קענען דורכברעכן צאמען.
אז עס גיט זיך א פויסטישער וואלד
א פארהייב צו דעם הימל,
דערלאנגט זיך די לופט אזש א טרייסל;
אז הענט צעוויכערן א שטורעם,
קען די וועלט אומקומען...

1930

* * *

הויכע פעסטע נעגער קומען אָן פון דאָרעם,
לאַנגע העגט צעוויגטע — גײיענדיקע מילן;
מאָלן זײ די ווינטן, ווייען זײ די שטורעמס,
און דעם הונגער קאָנען זײ ניט שטילן.

נעגערישע אויגן — טרויעריקע ברונעמס,
קײַלעכיקע ווײַסלען — טונקעלע לעוואָנעס.
נעגער פונעם דאָרעם קומען זוכן גליק,
איבער יעדנס קאָפּ הענגט א לינטשינג־שטריק.

פונעם ווײַסן באָוול, פונעם הייסן דאָרעם,
פון די שווארצע ברידער, פון די טענץ און לידער,
הונגעריק און כמורנע, טרויעריק און אָרעם,
וואנדערט אום דער נעגער, שלעפּט זיך אום א מידער.

1930

טײַמס־סקווער

אפֿן רוקן פֿון דער שטאָט
רײַטן פֿײַערדיקע רײַטער
ארוף צו בראָדוויי.
ס׳רופט דער פּאריסענער סקווער —
מיט פֿײַערדיק געשריי.
עס ברענען הײַזער־קעפּ
מיט פלאמען־שלעפּ;
עס טראָגן זיך צום הימל אוף
דזשעסן־קלעפּ און לוסט.
בראָדוויי גייט —
פּיס אין רעדער אײַנגעדרייט;
פרייד,
וויי...
the Gay Way[1]
בראָדוויי,
הארץ פֿון שטאָט,
פֿון לאנד,
אויגן אלעמענס צו דיר געווענדט,
הערצער פֿון דער גאנצער מעטראָפּאָליע
שלאָגן.
ס׳שטרעקן זיך צו דיר די הענט
פֿון גאנצן לאנד.
ס׳פֿאלן קעפּ צו דײַנע פּיס.
דורך אלע זיבן יאמען,
דורך לופט און שטורעם,

[1] דער פריילעכער וועג (ענגליש).

6—2809

דורך אלע וועגן,
בערג, טונעלן,
באנען יאָגן,
שיפן טראָגן
מענטש־לאַסט צו דײַנע שוועלן,
אויסצולאָדן.
בראָדוויי —
דײַן טיר איז פון גאָלד,
פון זילבער די שלעסער;
דײַן וואָרט — איז א מאָרד,
דײַנע אויגן — א מעסער.
האָסט קישעפדיקע פינגער,
בראָדוויי —
באצווינגער;
דײַן נאָמען איז צעקלונגען,
צעזונגען — — — — — — —
עס לאכט בראָדוויי
באנאכט,
עס שעלט אין וויי
בראָדוויי.
— הערן אין צילינדערס,
טויזנט־פארבנדיקע בענדער,
ווונדער.
דעקאָלטירטע דאמען,
בעטלער בלינדע.
ליפּן, פּאָמאדעס,
שפּיל, טאנץ,
סערענאדעס,
מיליאָנענדיקער גלאנץ.
רעדער דרייען זיך און סקריפּען,
שיקורים וואקלען זיך,
גויסעסדיקע כריפּען,
שענדער שפּײַען אויס,
געשענדעטע כליפּען...

שילדן פון קארניזן,
שפּיזן —
הונדערט מיידלעך צום טאנצן
פאר יעדן מאן
פאראן...

— — — — — — — — — —

שפּאן ארוף, בראָדוויי,
ארוף
שפּאן.
קלעטער העכער, פייער.
פרייער פלאם,
לאווע־יאם,
גיס.
זאָל דער הימל פאלן דיר צו דיינע פיס.
אָפּגאָט... ריז...

— — — — — — — — — —

אפן רוקן פון דער שטאָט
רייטן פייערדיקע רייטער,
יאָגן,
פייער־פערד און פייער־וואָגן
בייזע בסורעס אָנצוזאָגן;
מיר וועלן שוין מער ניט פארטראָגן,
מיר וועלן ניט...

— — — — — — —

ווער?
איך וועל קומען מאָנען בא דעם סקווער!
איך בין איינער פון מיליאָנען,
א פּראָסטער, אזא פּראָסטער:

כ׳האָב קיין פראק ניט, קיין צילינדער,
אויגן האָב איך, קום איך קוקן
אף דײַן בייזן וווּנדער;
שטעל איך זיך אנידער בא די פיס פון „טײַמס״
קוקן.

א נאכט איז אזא, און עס קאפּעט א רעגן,
איבער מיר, און אונטער, און אנטקעגן,
שפּאָטן טויזנט פײַערדיקע בליקן
פון מיר אזא איינעם.

נאָר איך האָב שוין איינמאָל א טײַנע —
ברידער מײַנע
שווּעלן אוף פון הונגער,
גייען אום מיט אומרו אין די פינגער;
מיט הענט מיט איב׳ריקע, ווי בײַטשן,
שפּאנען,
הונגעריקע קאראוואנען,
ביזוואנען?
ענטפערט מיר דער סקווער מיט א געלעכטער,
מיט א גאָס פון רעגן.

קוקט מיך אָן מיט ברענענדיקע אויגן,
און מיט וועכטער
אומגעשטעלט ארום פארמעגן...
הייבט זיך אָן אין הארץ אזא גערודער,
אן אופברויז אין די בלוטן.
— מײַנע ברידער יאָגן
איבער רוקן פון דער שטאָט.
פײַערדיקע רײַטער
טראָגן פאָנען,
מאָנען...
פונקען דרייען זיך פאר מײַנע אויגן,
סקווער גיט זיך א דריי,

מיט קאָפּ אראָפּ פאַרבויגן;
ס'פאלט אין פּאָנעם מיר א קרומער
פּיַיערדיקער רעגן;
מיַינע ברידער קומען אָן
אף פיַיערדיקע וועגן...

1929

פּאָעמעס

טאנדעטער

פראגמענט

ס'איז ניט געפעלן מיר געווען מײַן טאטנס שנײַדערײַ,
מײַן מאמעס פּאַסנע גריץ איז מיר געווען דערווידער;
האָב איך אײַנגעוויגט מײַן נויט מיט לידערײַ,
און אײַנגעשטילט מײַן ביטערניש מיט לידער.

* * *

מײַן טאטע איז געווען א פּראָסטער טאנדעטער,
צווישן די קליינע טאנדעטערס — דער קלענסטער.
ווינטערן שווערע און פּראָסטיק־פּארווייטע
פלעגן באלאגערן אונדזערע פענצטער.

די מאמע פלעגט זיפצן, דער טאטע — פארסטריגען,
און איך האָב געשוועבט אינעם בלוי פון די הימלען.
דער העלד אין ראָמאן פלעגט די פרײַלן פארוויגן,
מײַן טאטע פלעגט גייענדיק נעמען שוין דרימלען.

דאָ איז מײַן שטעטל — און איך בין אין סטאמבול,
דאָ זײַנען שנײַדער — און איך בין מיט גראפן;
עס גענעצט די מאמע און זאָגט אזוי סטאם זיך:
פארלעש שוין דעם קאָפּטשער און לייג זיך שוין שלאָפן...

* * *

ס'איז א שניי־פאל און א וויוגע,
ס'הענגען אײַז־צעפּ אף די שטשיטן.
ס'האָט א ווינט געגומען יאָגן,
וועט מײַן שטעטעלע פארשיטן.

יאָגט אָן שניי־בערג מיט קאָלפּאַקעס,
גאָלט די ערד און לאָזט איר פליכעס,
קלאַפּט די דעכער מיט קולאַקעס,
און אין קוימען וואָיען רוכעס.

מײַנע מאָנטיקס — ברויט פּאַרטריקנטס.
מײַנע וואָך־טעג — זעלטן זאַטע,
מײַנע אויגן — טרויער־בליקן,
ניט געראָטן אין מײַן טאַטנס...

* * *

ס׳טויכן אויף אין מײַן געדעכעניש
די ייִנגל־יאָרן, —
אף די פּעלדער שאָרכען זילבערדיק
די כוואַליעס קאָרן;

ס׳פאָרן די טאַנדעטערס אף די לעצטע
יאָר־יאַרידן,
בלויע, בלאַנקע קאָסעס גרייטן צו צום שניט
די שמידן.

לויטער גאָלד־באַגילדטע,
גליִענדע באַגינענס,
עס שפּאַרט זיך אָן א ליכטיקײַט
אין שפּארעס פון וויטרינעס;

כ׳בין שוין דאן געווען אף לער
א שנײַדער־ייִנגל,
ליג איך זיך אזוי און הער,
ווי פייגל זינגען.

ס׳קומט פון דאַווענען דער מײַסטער,
און די לעדנדלעך צעפראַלן,

איז א הונגעריקע זון די שערן
אפן טיש באפאלן,

און די שנײַדער מיט טשופּרינעס,
אין גאלאָפּ אף די מאשינען,
האָט צעזונגען זיך מיט ארבעט
דער באגאָלדעטער באגינען:

„אָט אזוי נייט א שנײַדער,
אָט אזוי נייט ער צו.
א שנײַדער נייט א גאנצע וואָך,
פארדינט א גילדן מיט א לאָך...״

די באלעבאָסטע גרייט א ברעג פון טיש,
ס׳שמעקט דאָס ברויט, דאָס ברויט איז פריש.
ביז דער הערינג איז געשאָכטן,
ווערט דער לאבן ברויט צעפלאָכטן...

* * *

עס שאָרוען די נאָדלען מיט פליאסק פון אָסנאָוועס,
קניִען אף קניִען, ווי העלדזער אין ליבע,
די שנײַדערלעך זינגען און טרײַבן קאטאָוועס,
יאָגן די שאָען די טריבע אריבער.

די זון איז ארײַן אין א גאָלדענער כמארע,
פארכאלעשט די הערצער פון היץ און פון הונגער,
עס זעצט פון דער שיסל קארטאָפל א פארע,
די קני ווערט א טיש, און א גאָפּל — די פינגער...

* * *

דאָס פויערל יאן איז געקומען צום טאטן:
— כאִימקו קאָכאני, טו מיר א כעסעד —

געשטאָרבן מײַן טאַטע אינמיטן דער װעסנע,
כ׳װעל דיר די טויװע ניט קאָנען פאַרגעסן.

כ׳האָב נאָך דאָס פעלד ניט געבראָנעט,
כ׳האָב ניט פאַרזײט נאָך די ברויטן;
העלף מיר באַגראָבן מײַן טאַטן,
העלף מיר אַרויס פון די נויטן.

ער האָט זיך געזעגנט מיט פאַרבראָכענע הענט,
פאַר אײגענע צאָרעס און אומגליק פאַרשעמט;
אונטערן שװײסיקן אָרעמען העמד
האָט אים דאָס לײַב װי פון ריטער געברענט.

זײַן פּאָנעם — א פעלד נאָכן שניט —
מיט הארטע, מיט געלבלעכע סטראָנעס,
די פינגער — װי קאָלקעס פון בראָנעס,
און אויגן — צװײ שטיקער געזעצטע ראכמאָנעס.

— זאָרג זיך ניט, יאַני, דער „פּאַן בוג" װעט העלפן, —
מע האָט צו שמעק טאַבעק לעכאַיִם געמאכט;
דער טאַטע האָט צעשניטן די סכוירע אף העלפטן,
יאַן דאַרף נאָך קומען אין דאָרף צו פאַרנאכט.

צװײ נעט — א פּאָר הויזן,
אַן קעשענעס דער „פראַק".
יאַן האָט באַם לעבן
ניט פאַרמאָגט קײן פּיאַטאַק...

א לעכל, א קנעפּל,
און פאַרטיק געמאכט,
און יאַן איז אװעק
מיטן אָנקום פון נאכט...

* * *

ס'איז א ווינטער, אוי א ווינטער,
עפשער גייט די וועלט שוין אונטער —
באַמבעס ווארפט מען אף וואָקזאלן,
זשאנדארן מאכן איבערפאלן.

ס'האָט זיך איַינגעהילט מיַין שטעטל
אין א שנייִיק־וויַיסן ציטער,
ס'ליגט די אָרעמקיַיט אין בעטן,
קאלט און הונגעריק, פארביטערט.

דער דרויסן פארקאָוועט אין איַיזיקע שנייען,
ווינטן אף טראקטן פארדרייען זאווייען,
ס'זיַינען די שניַידער אוועק שוין אהיים,
ס'זיַינען דריַי מיידלעך געבליבן נאָך נייען.

אַן אכטער לאָמפּ, א העלער פלעק,
אינעם צימער שוועבט א שרעק;
עס קלאפּט דאָס הארץ, צי קומט מען אָן —
די מיידלעך נייען אויס א פאָן...

רויטער זיַיד פון שפאניע־בל'ענד,
בלייכע ציטערדיקע הענט.
ס'דרייט די נאכט א וויי־זאוויי,
די מיידלעך זינגען באם געניי...

* * *

מיַין גרויע, וואָכעדיקע, קורצע יוגנט,
כ'ווייס ניט, ווען איך בין געווען א קינד.
אין פארקלאָגטע הארבסטיקע פארטאָגן
האָט מיַין גורל מיך געטראָגן בלינד.

איז אַ ווינט געלאָפן איבער רוסלאַנדס ווײַטע שטרעקעס,
און פֿאַרטשעפּעט אַלע האָרעפּאַשנע כאַטעס:
אין די שטעטלעך האָט זיך ווידער אָנגעהויבן וועקן
אַזאַ סינעדיק געפֿיל צו באַלעבאַטים.

האָט דער ווינט מיר אויך אַ שאָרך געטאָן אין אויער —
ס'האָט אַ כאַווער מיר געהיים דערלאַנגט אַ בלעטל...
כ'האָב אַוועקגעשלײַדערט מײַן צעבאַלעוועטן טרויער,
און דערקלערט אַ שטרײַק באַ די טאַנדעטערס.

* * *

...געווען מײַנע זיידעס שנײַדער אַף דערפֿער,
האָריקע ייִדן מיט קאָרענע מאָגנס,
זיי פֿלעגן די סאַקוועס אַף אַקסלען פֿאַרוואַרפֿן
און לאָזן אין וועג זיך אין פֿריִע פֿאַרטאָגן.

אַ לעבן געלעבט אַף גריצן און ברויטן,
אין וואַטאָווע שפּענצערס, אין יוכטענע שטיוול,
זיי זײַנען געשטאָרבן מיט פּאָשעטע טויטן,
אָן טײַנעס און מײַנעס, אָן קרום און פֿאַריבל.

דערנאָך האָט מײַן טאַטע גענומען די נאָדל,
מײַן מאַמען, די שטוב, און צוויי גילדן נאַדאַן.
געלעבט, ווי אין לידל — „בעקאָוועד־גאָדל",
און ווײַטער געגאַנגען אין שנײַדערשן שפּאַן.

נאָר איך, דער מיזיניק פֿון דוירעס מיט פֿאַלגעס,
פֿון וועלדער מיט נאָדלען, מיט פֿינגער צעדרייטע;
איך בין אַרויס מיט דעם דאָר, וואָס צעוואַלגערט
דאָס קיניגרײַך נויט פֿון אַ וועלט אַ טאַנדעטנע...

1935

די בריק

פראַגמענט

געפרעגט כ׳האָב אין גאַס די פאַרוויכערטע שטיינער,
געפאָרשט די צעוואַלגערטע ווענט אין די הויפן;
קיין סימען ניטאָ און קיין זייכער פון קיינעם,
נאָר אַש איז געבליבן און ציגל אַ הויפן.

דער ערשטער, וואָס איך האָב אין גאַסן באַגעגנט,
אַ מענטש אין אַ סוויטקע פון גרויען געוואַנט.
„פונוואַנען?״ — געפרעגט אים. ער ענטפערט: „פון וועגן,
פון אַלע פאַרבאָרגענע סטעזשקעס אין קאַנט״.

דער ענטפער אַ קאַרגער, נאָר אַלץ כ׳האָב פאַרשטאַנען,
פון מענטש האָט געשלאָגן מיט שלאַכט און מיט וואַלד.
זײַן באָרד אַ פאַרשטויבטע, אַ מידער פון שפאַנען,
די פאָלעס אין גאַרטל פאַנאַנדערגעפראַלט.

מיר שטייען און שווײַגן, אַז וואָס זאָל איך זאָגן,
פאַרגליווערט געוואָרן אין האַלדז מיר דאָס וואָרט;
און ער שטייט אַ קאַלטער, כאָטש פונקען צו שלאָגן
פון שטערן בײַ אים און פון שטיינערנער באָרד.

איך האָב אים דערקענט גלײַך — אַ טוישעוו אַ היגער,
ער טראָגט אין די אויגן דעם אָפּשײַן פון בראַנד;
געוווינט האָט ער ערגעץ אָט דאָ, אַף נעמיגע,
אַ טעסלער, זײַן נאָמען איז גוט מיר באַקאַנט.

איך קוק, ווי ער גייט אַף זײַן הילצערנער קוליע,
און צאָרנדיק קלאַפּט אַף די גאַסן זײַן טראָט.
דער ווינט רײַסט זײַן קוטשמע, די ווינטן — זיי הוליען
אין אָפּענע ווענט פון דער כאָרעווער שטאָט.

* * *

דעם פוס האָט דער טעסלער געלאָזט אין א שלאכט,
זײַן גײַסט איז געבליבן א גאנצער,
צוריק פונעם וואלד האָט דער טעסלער געבראכט
א הארץ אין א שטאָלענעם פאנצער.

די הילצערנע קוליע שטייט שטום בא דער וואנט,
א פּאָשעטער טיש און א בענקל;
א רויש געטאָן האָט אין זײַן לעבן דער וואלד
און איבערגעלאָזט דאָרטן בענקשאפט.

קיין איינציקע רעגע עס רוט ניט זײַן טיר,
מע קומט זיך דערמאָנען, באראטן,
מע קומט, ווי די שלאכטלײַט צום קאָמאנדיר,
ווי קינדער צום אייגענעם טאטן.

די קינדער די מינסקער, דערוואָקסן און גרויס,
ווי מענער די שלאכטן דערמאָנט מען;
פון קאמף אין די וועלדער געשטארקטע ארויס,
און גלײַך פון אָטריאד אף די פראָנטן.

דער ווייַ איז אוועק מיטן רויך, מיטן ווינט,
נאָר איבערגעבליבן איז צאָרן,
ער מאָנט איצט און פאָדערט דורך מויל פון א קינד
דעם כויוו פאר די בלוטיקע יאָרן.

* * *

ווען דער טעסלער פון נעמיגע האָט אין שטאָט געזען די סרייפע,
האָבן זיך פון אָפגלאנץ זײַנע אויגן אָנגעצונדן;
האָט דאָס בלוט א זעץ געטאָן אים אין די שלייפן,
און דאָס הארץ איז אים געוואָרן הוילע ווונדן.

האָק און דלאָט האָט ער גענומען, אז פאר לײַטן
זאָל עס הייסן, אז ער גייט זײַן ברויט פארדינען.
דאָס געצײַג האָט אים געדינט אין אלע צײַטן,
וועלן זיי אים אויך אַף ווײַטער דינען.

האָבן אים באגלייט אין וועג ארײַן די דוירעס טעסלער —
זײַנע זיידעס — די אקשאָנים, אויסגעפּרווּוטע בויער.
און נאָכגעיאָגט האָט אים דאָס ווײ־געשריי פון אלע געסלעך
אַף נעמיגע, אײַנגעהילט אין טיפן טרויער.

אז פון איטלעך הויז דאָרט איז געוואָרן א בעסוילעם!
און א טיר צום קייווער איז אין שטאָט א יעדער טויער!
טאָג און נאכט דער קוילער דאָרטן קוילעט,
און דער טויט בא אלע טירן לויערט.

* * *

אין וועלדער פארשנייטע עס ליגן די מאכנעס פארטײַעט,
פון שטורעמס און ווינטן געטעסעט די מענטשן, ווי פעלדזן.
די כאשכעס פון נעכט ווערט דאָ פּלוצלינג צעצונדן פון פײַער,
און צוגן — זיי פליען צעשמעטערט אראָפּ פון די רעלסן.

די מאכנע פארענדיקט דעם אָנפאל באנאכט דאָ, און ווײַטער
אין וועלדער פארטײַעט, אין טיפע פארבאָרגענע ערטער.
די נעכט פארן פײַנט זײַנען סרייפעס און פלאמיקע שײַטערס,
און אונטער די פיס אים ווי פעסער מיט פולווער די ערד איז.

ס'רעדט מאָסקווע ארײַן אינעם וואלד דורך פארבאָרגענע רערן,
יעדיעס דערגרייכן אהערצו דורך אָדערן — וואָרצלען, ווי קאבעל
געהיימער.

באפעלן צום שלאכט די זעמליאנקעס מיט פּאָרטיקײַט הערן,
און איינער דעם צווייטן גיט איבער — פון מאָכן צו זומפּן,
פון ביימער צו ביימער.

* * *

עס לעבט און עס שטאַרקט זיך דײַן היימלאַנד,
און זון איז גענוג נאָך, און וואַרעם;
פֿאַראַנען א האַרץ אין געהיים נאָך,
א מענטש אַף א קינד זיך דערבאַרעמט.

דער טויט קאָן זײַן שליטע ניט האָבן,
דײַן קיום איז קויעך געגעבן.
פֿון קוואָרים, פֿאַרשאָטן, באַגראָבן,
זיי הייבן זיך אוף און זיי לעבן.

פֿון היילן, פֿון שפּאַלטן פֿון שטיינער,
דעם טויט זיך ניט אונטערגעגעבן;
פֿון טויזנטער, טויזנטער — איינער,
נאָר ווײַטער דאָס פֿאָלק עס וועט לעבן.

* * *

דער וואַלד האָט דעם טעסלער געטאָן א פֿאַרשמעק
מיט זויערן דעמב און מיט פֿרישן געבײַ.
דער מאָך האָט מיט ווייכקײַט די פּיאַטעס געלעקט.
איז הייסט עס: אָט דאָ הייבט מען אָן פֿונדאַסנײַ.

קאָן זײַן, אַז אַזוי איז געוועזן באַשערט,
אוועק מיטן רויך זאָל דאָס האָב און דאָס גוטס,
מע קאָן דאָך ניט אָבער פֿאַרברענען די ערד,
א פֿאָלק בלײַבט א פֿאָלק, און דער וואַלד איז א שוץ.

א פּאַלעץ, א וואַלד, יעדער בוים איז דאָ פֿעסט,
צוויטשערן פֿייגל, מע יאָגט זיך, מע שטיפֿט.
נאָר אים אַפֿן האַרצן, ווי א שטיין וואָלט געפּרעסט,
שנײַד אים דאָס לײַב — וואָלט קיין בלוט ניט געטריפֿט.

אליין ווי א שטאם, אָן א צווײַג, אָן א בלאט,
אזוי ווי מע נעמט און מע שיילט אָפּ א דוב.
ערשט נעכטן א היים, א מישפּאָכע געהאט,
דער וואלד איצט פארבײַט אים די אייגענע שטוב.

און יעדער גערויש, יעדער פּאָך פונעם ווינט
דערמאָנט אים נאָך אלץ אין דער שטאָט דעם געשריי.
ער וואָלט זיך אליין דאָ צעשריגן אצינד,
עפשער וואָלט גרינגער געוואָרן דער וויי.

* * *

גרויס זײַנען וועלדער, געדיכט און געראָטן,
מיט דעמבעס, בעריאָזעס, מיט סאָסנעס און יעלן.
ווי ליב און ווי טײַער דער טונקעלער שאָטן
פון וואלד — אין א ליכטיקן טאָג אין א העלן.

ווער איז אין וואלד דאָ, דער טעסלער אליין נאָר?
מע זעט דאָ ניט קיינעם, נאָר ער איז ניט איינער,
ברייט און צעוואקסן דער וואלד און געראָטן,
און איטלעכער בוים האָט זײַן אייגענעם שאָטן.

דער סוינע האָט מוירע פאר וועלדער געדיכטע,
אין וועלדער ווײַסרוסלאנדס דער סוינע, ער קריכט ניט.
ווער איז אין וועלדער געדיכטע פאראנען?
דאָס פאָלק אין די וועלדער, די פארטיזאנער!

* * *

האָט דעמאָלט דער טעסלער פארשניטן די האק אין א דעמב,
און שטײַף זײַנען טעסלערשע פויסטן געוועזן פארקרעמפּט.
צווישן דער שטרענגקײַט פון ביימער אליין איז ער שטרענג,
נאָר הינטער די ווײַעס די אויגן — באצארט און פארבענקט:

„ניטאָ שוין קיין וועג אָף צוריקגיין פונדאנען, איר הערט!
און וועמען פון אונדז עס איז ווײַטער נאָך לעבן באַשערט,
נעקאָמע צו נעמען פון מערדער זאָל שווערן אַציגד
פאַר אייגענעם לאַנד, פאַרן אייגענעם פֿאָלק, פאַר ווײַב און פאַר קינד.

און ווער ס'האָט געהערט, זאָל ער קומען אַהער,
ניטאָ קיין געווער, עס וועט ווערן געווער.
מיר זײַנען נאָך ווינציק, מיר זײַנען נאָך קליין.
איז מעלדן אַהינצו, מ'עט קומען צו גיין".

און דאָ האָט דער טעסלער מיט שטיינערנער באָרד
זיך פּלוצלינג געגעבן אַ ריס פונעם אָרט,
אַ שטעל זיך געטאָן אָף אַ בערגל מיט מאָך,
די הענט צו די ווײַטן געטאָן אַ פאַרבראָך,

און מער האָט ער דאַן שוין קיין וואָרט ניט געזאָגט,
זײַן שווײַגן האָט העכער געשריגן, ווי קלאָג.
געשטאַנען די מאַכנע אין טיפקײַט פון וואַלד,
דאָס קלענסטע גערויש האָט ווידערגעשאַלט,

און צווײַגל און בלאַט האָט געציטערט פון פאָרכט,
און איטלעכער אויער האָט צען מאָל געהאָרכט
דאָס וואָרט פון דער שווע, דאָס אייגענע קאָל
פון ווײַט האָט געענטפערט אין צענדליקער מאָל.

ביז איבערן וואַלד איז געפאַלן די נאַכט
און האָט דעם אָטריאַד אין זײַן פעסטונג פאַרמאַכט.

* * *

אַ וואָך און אַ צווייטע אין קלעם דער אָטריאַד איז,
עס רינגלט אַרום אים דעם סוינעס בלאָקאַדע.
דער וואַלד איז פאַרשלאָסן, דער וועג אָפּגעשניטן,
אַרום איז דער סוינע, די קעמפער — אינמיטן.

פון הינטן כּאיאָלעס, פּאָרויס איז א בלאָטע,
מע קאָן זיך ניט רירן, מע קאָן ניט קיין טראָט טאָן.
דער קלעם ווערט אַלץ שטײַפער, דער שעטעך אַלץ ענגער.
צווישן די זומפּן די מאַכנע פאַרדרעגגט איז.
פון הינטן דער טויט און די פינצטערע גריבער,
פון פאָרנט א מידבער פון זומפּן פאַרגליווערט.

פון אַלע געפאַרן אהערצו דערגאַנגען,
ס'איז נאָענט די הילף — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.
און איטלעכער נעפעש ווערט טײַערער, ליבער,
ווי קומט מען די לעצטע סאַקאָנע אַריבער?

קיין ברויט איז ניטאָ שוין, ניטאָ שוין קיין קאָרן,
די העלדזער אָן עסן פאַרשרומפּן געוואָרן.

איז דעמאָלט דער טעסלער מיט טראָט נאָך געזונטן
אַרײַן אין דער בלאָטע, ער טאַפּט דאָרט די גרונטן.
ביז איבערן האַלדז אין געמויזעכץ פאַרקראָכן,
ער היפּערט און וואַרפט זיך פון מאָכן צו מאָכן.
זײַן קאָפּ שווימט פון אויבן, דער גוף ווערט דערטרונקען,
א מאַסט פון א שיף אין די כוואַליעס פאַרזונקען.
צווישן די זומפּן א טײַך לויפט א ברייטער,
א טיפער, א בייזער, א שלאַנג א פאַרדרייטער.
דורך אַלע געפאַרן דערפירט זיי ביזדאַנען,
אף יענער זײַט זומפּ איז אָן אינדזל פאַראַנען,
דײַן אייגענעם גוף פאַר א בריק וואַרף דאָ איבער,
און איבער דײַן לײַב זאָל די מאַכנע אַריבער.

ער מעסט די קעמפער מיט היציקע אויגן,
ער קען זיי דאָך אַלע, ווי זײַנע צען פינגער;
דעם קאָפּ האָט דאָך קיינער פון זיי ניט געבויגן,
כאָטש שטאַרבן איז עפּשער אין הונדערט מאָל גרינגער.

* * *

די זון האָט געשטעלט זיך אינמיטן דער בלאָטע
און סארפעט, און פאליעט — א ברען, א פעקאָטע!
עס הודיען פונווײַטן די סאָסנעס און יעלן,
אָט באלד וועט די דעמבעס זיך טאנצן פארוועלן.

דאָס סווישטשען גאָר קוילן צווישן די שטאמען,
עס רײַסן זיך באָמבעס אף זומפּ דעם גראמען.
א פויגל האָט ערגעץ־ווו זינגען גענומען,
אים דאכט זיך — ער האָט אים גערופן באם נאָמען.
איז עפּשער געגנוג אזא קליינינקער פויגל,
און אים זאָל א שלאָג טאָן א ליכט אין די אויגן.
אָט פליט דאָך דער פויגל דורך וועלדער מיט פײַער,
אָט פלאטערט ער איבער דער בלאָטע א פרײַער.
איי, ס'האָט דאָס פייגעלע פליגל צום שוועבן —
איז אָבער דעם מענטשן א ווילן געגעבן,
און סייכל, און גלויבן. ניין, מע וועט לעבן!
און איבער די זומפּן א הילך — מע וועט לעבן!

* * *

פון אויסשפּיר א רײַטער פליט פײַל־אויסן־בויגן.
וואָס טראָגט ער? — א שטראַל פון דער זון אין די אויגן.
וואָס ברענגט ער? — ער פאָכט אין דער לופט מיט א צײַטונג.
— „פּראוודא"! — צעשרײַט זיך דער רײַטער פונווײַטנס.

די בלאט איז צעקנייטשט, און פארגעלט, און צעריבן,
נאָר אויסיעס, ווערטער נאָך גאנצע געבליבן.
די ווערטער באקאנטע, די אייגענע ווערטער,
שוין אלע פארזאמלט, מע שווײַגט און מע הערט נאָר.
ווײַסרוסלאנד דערמאָנט ווערט, די אייגענע געגנט,
די רויטע ארמיי איז אף אונדזערע וועגן.

וואָס שטייסטו דאָ, כאוועך, אזוי ווי באַנומען?
און פּונקט ווי א ווינט וואָלט א פרישער געקומען;
צוריק איז צום אויסשפּיר געפלויגן דער רײַטער,
די וואכן געשטעלט זיך צום שוץ בא די זײַטן.

אין שלאַכט גיט זיך קיינמאָל ניט אונטער דער קריגער,
דער זומפּ איז א סוינע, מע מוז אים באַזיגן.
האָט ווידער דער טעסלער פארשניטן די האַק אין א דעמבע,
געענטפערט דער וואלד האָט מיט ווידערקלעפּ טעמפּע.
א בוים גיט א וואַלגער זיך איבער די מאָכן,
א צווייטער עס פאלט — און די צווײַגן, זיי ווערן צעבראָכן.

* * *

שטאַמען צו שטאַמען געפּעסטיקט מיט דראָטן,
איין גוס איז געוואָרן, איין שטיק.
און איבער דעם טײַוולשן זומפּ, איבער בלאָטע
עס בויט זיך א בריק.

א ברעקעלע באָדן דערפילן די פיס שוין,
ווי טײַער די רעגע פון גליק.
שטעטעך א מעטער באַם זומפּ אויסגעריסן,
מע זעט שוין א בריק.

אָף דרײַ קילאָמעטער די בריק איז צעצויגן,
און קייגער עס קוקט ניט צוריק.
פאָרויס פליט דאָס הארץ, און עס בענקען די אויגן
צו יענער זײַט בריק.

די מאכנע פארזאמלט, דער צייכן געגעבן,
דער צייכן פון ליכטיקן זיג,
די מאכנע טראָגט איבער דאָס טײַערע לעבן
אריבער דער בריק.

1945

צווײ שוועסטער

פראגמענט

ווי אלט איז דאָס מײדעלע גאליע?
איר קינדהײט איז לאַנג שוין פארפלויגן.
א שטורמישע צײַט, ווי א כוואליע,
אין אירע פארגליווערטע אויגן.

א קינד האָט דאָך בענקשאפטן זיסע,
א קינד האָט א הארץ מיט באגערן;
בא גאליען די ליפּן פארביסן,
בא גאליען דערמאָנונגען שווערע.

„...ס׳איז מארט, ס׳איז א וויוגע אין געטאָ,
אף גליטשיקן בארג — א קאָלאָנע,
מע פאלט, און די הינטערשטע טרעטן...״
זי וויל זיך שוין מער ניט דערמאָנען.

דאָס קינדערשע הארץ איז פארביטערט,
די אויגן די יונגע פארטרויערט,
איר דינינקע ברעם גיט א ציטער...
מיר דאכט, אז איר קאָפּ איז א גרויער.

* * *

זיי זײַנען געגאנגען אינפּירן,
די וויוגע אין מארט אזא שווארצע,
די מאמע באם האנט טוט זיי פירן,
א ברודערל פרעסט זי צום הארצן.

און יידן, און יידן, און יידן —
אף גליטשיקן בארג גייט אן איידע,
דער פראָסט וועט דעם קייווער פארשמידן,
עס זאָל כאָטש פארבלײַבן אן איידעס.

די מאמע ט׳א האלדז א געשניצטן,
פון העלפאַנד־ביין איז ער געשניטן.
די אויגן — צוויי אויגן, ווי בליצן,
די קינדער זי וויל כאָטש פארהיטן.

זי שעפּטשעט דער עלטסטער אין אויער:
„אן אָנדענק זאָלסט בלײַבן דעם טאטן".
און אָט איז א געסל, א טויער,
זי גיט זיך א וואלגער פארמאטערט.

די איידע גייט ווײַטער און ווײַטער,
אף גליטשיקן בארג זי דערקלעטערט.
און דײַטשן צעשטעלט בא די זײַטן,
דער קאָפּ בא דער מאמען צעשמעטערט.

פארשטארט איז דאָס קינד — א שטיק מארמאָר,
די הענט ארום האלדז פון דער מוטער.
דער שטראָם פון די ליפּן נאָך ווארעם,
די צארטקײַט אף שטערנדל רוט נאָך.

די איידע גייט ווײַטער און ווײַטער,
דער טויט פּאָכט ארום מיט די פליגל.
און ס׳לאַכן נאָך גיפטיק פונווײַטן
די דײַטשישע שענדלעכע „זיגער".

ס׳איז דינע די עלטערע שוועסטער,
און גאליע איז ייַנגער א ביסל.
דאָס הארץ בא דער עלטסטער פארפרעסט זיך,
די יונגע — די ליפן פארביסן.

צוויי קליינינקע שוועסטער פון געטאָ —
וווהין וועט דער ווינט זיי פארטראָגן?
און ווייַט נאָך פונדאנען די רעטער,
זיי יאָגן אהערצו, זיי יאָגן...

די ווינטן פון מארט און דער שטורעם
די אויגן בא מערדער פארשיטן
און כאַפּן די שוועסטער אין אָרעם —
דער גליטשיקער בארג איז געמיטן.

די איידע פונדאנען איז ווייַט שוין,
דער ווינט האָט געשטעלט זיך אינמיטן.
דער פּייַן האָט די ייִדן געלייַטערט,
די ווייַט וועט די קינדער פארהיטן.

* * *

גייען זיי און גייען,
ביידע געטאָ־שוועסטער,
קאלט און פארקאָלייעט,
פייגעלעך אָן נעסטן.

זייער ווייַט פונדאנען —
פערציק קילאָמעטער —
ווינט די אלטע ניאניע.
קינדער זוכן רעטונג.

אף פאַרוויי׳טע וועגן
שווער איז צו געפינען,
גייען זיי און פרעגן,
ווּ וווינט מיכאַלינע.

מיכאַלינע גוטע —
זי האָט זיי דערצויגן.
בא דער אַלטער מוטער —
טרערן אין די אויגן.

* * *

א נאַכט האָט אין פינצטערן שײַער
די קינדער די ניאַניע געהאַלטן.
מיט אייגענעם ביסעלע פײַער
געוואַרעמט די לײַבער די קאַלטע.

א ווינט האָט די סטרעכע געריסן,
געביסן, געטשיפּעט די פינגער,
די אַלטע וואָלט ווײנען א ביסל,
וואָלט עפּשער געוואָרן איר גרינגער.

זי רופט זיי בעסאָד בא די נעמען
און מאָלט זיך זיי אויס אינעם זינען;
ס׳האָט דינע צוויי לענגלעכע ברעמען,
און שפּרענקעלעך צוויי האָט גאַלינע.

און ווּעמען פון זיי האָט זי ליבער,
אַז גלײַך זײַנעןביידע איר טײַער.
אוי, ווען דאָס שלעכטס וואָלט אַריבער,
אָט דאָ, דורך דער נאַכט אינעם שײַער.

עס זיפצן די קינדער פון דרימל,
די ניאניע דערפילט זייער ציטער.
וואָס קומט ניט די האנט פונעם הימל
און שלאָגט ניט די מערדער מיט ריטער?!

עס ציילעמט זיך פרום מיכאלינע,
זי זאָגט אין דער פינצטער א טפילע.
דורך שפארעס פון שײַער נעמט רינען
דאָס ליכט פון א גרויען באגינען.

* * *

מארט, צוויי און פערציק, דאָס לאנד שמידט געווער,
די קראפט מוז דעם סוינע צעברעכן.
עס זיפצן די גרונטן, דער ערד איז שוין שווער
צו טראָגן אף זיך די פארברעכער.

ווײַסרוסלאנד אין שטעכדראָט, אין שרעק,
עס ברענען די דערפער־שטורקאטשן.
און מאכנעס נאָך מאכנעס אין וועלדער אוועק.
די שטאָלענע רייף — זי וועט פלאצן.

דאָס גוטס איז אין פײַער, אף רויב איז דאָס ברויט,
די דעכער אף שטיקער צעריסן.
נאָר איבער פאכעד און אנגסטיקן טויט
געוועלטיקט דאָס מענטשלעך געוויסן.

1944

פאָלקסטימלעך

װעגן אַ שנײַדער, װאָס האָט פֿאַרגעסן
אַ קניפּל אין פֿאָדעם צו מאַכן

אַמאָל איז געװען אַ שנײַדער אַ גוטער,
האָט אַ פֿאַרעץ געבראַכט אים פֿאַריכטן אַ פּוטער.
אַ פּוטער אַ רײַכער, נאָך נײַ, ניט צעריסן,
נאָר ס׳האָבן די מײַז דאָרט אַ לאָך אױסגעביסן.
ס׳איז זומער אין דרױסן, די סעדער צעבליטע,
מע האָט נאָך דאָס ברױט אױפֿן פֿעלד ניט געשניטן.
נעמט זיך דער שנײַדער דעם פּוטער פֿאַרלאַטען,
אַ קני אױף אַ קני ער זיצט טאַמעװאַטע
(ס׳איז דאַן ניט געװען נאָך קײן ניי־מאַשינען,
אַפֿילע אַ נאָדל גאַנץ שװער צו געפֿינען),
אין דער נאָדל דעם פֿאָדעם אַרײַן שױן געצױגן,
דערװײַל איז אַ פֿױגל פֿאַרבײַ דאַן געפֿלױגן,
אַ צװיטשער געגעבן, פּונקט װי ער װאָלט לאַכן,
און דער שנײַדער ט׳פֿאַרגעסן אַ קניפּל צו מאַכן.
ער טראַכט זיך: „װען איך װאָלט געװעזן אַ פֿױגל,
װאָלט איך דאָך אױכעט אין הימל געפֿלױגן.
איך װאָלט װי געפּיקט זיך אַ קערנדל פּראָסע
און װאָלט זיך בעקאָװעד געהאַט מײַן פּאַרנאָסע.
װאָס דאַרף איך די פּריצים באַנײען, באַלאַטען,
און שטאַרבן אַ קאַפּצן אַזױ װי מײַן טאַטע?"
אַזױ איז דער שנײַדער פֿאַרטראַכט זיך געזעסן,
דאָס קניפּל אין פֿאָדעם צו מאַכן פֿאַרגעסן.
אַ שטאָך אין דעם פּוטער, דאָס נעדעלע פֿליט,
אַרײַן און אַרױס דער פֿאָדעם זיך ציט.
װאָס איז די מײַסע, װאָס װיל ער ניט נײען?

מע דאַרף עפּשער נעמען דעם פּאָדעם אינצווייען?
ס׳איז בײַז שוין דער שנײַדער, ער בלאָזט מיט די ליפּן,
פֿאַרגעסן פֿון קאַעס דעם פּאָדעם פֿאַרקניפּן,
ער בייט שוין אַזוי אַ יאָר מיט אַ וואָך,
און גרעסער אַלץ ווערט אין פֿוטער די לאָך.
עס איז שוין דער זומער אַוועק און פֿאַרשוווּנדן,
דער האַרבסט האָט די ביימער, ווי קופּער, געצונדן,
דער האַרבסט איז אַוועק, און ס׳איז ווינטער געקומען,
אַ פֿראָסט, און אַ שניי האָט זיך שיטן גענומען.
דער שנײַדער איז אַלט שוין און סיווע געוואָרן,
פֿון קעלט איז דער פּאַרעץ געוואָרן פֿאַרפֿראָרן.
און ווידער איז פֿרילינג, די פֿייגעלעך לאַכן:
דער שנײַדער ט׳פֿאַרגעסן אַ קניפּל צו מאַכן.

1959

אלמויני דער גיבער, די נויט און די האק

(לויט מאָטיוון פון יידישן פאָלקלאָר)

א נאכט האָט אלמויני דער גיבער געקלערט, —
פארוואָס איז א קאפצן צו זײַן אים באשערט?
ער האָט דאָך צוויי הענט, איז דאָס הוילע מאָזאָליע,
— ווי פאָרן זיי זיך מיט זײַן ביטערער דאָליע?
ער קאָן דאָך א קאָטש מיט צוויי פערד, ווי די לייבן,
פארהאלטן אין לויף, א מויער אופהייבן,
און זעק קאָן ער שלעפן, און קאסטענעס טראָגן,
און אזא־אָ גוואר זאָל קיין ברויט ניט פארמאָגן!
נאָר הונגער, און באָרוועס, און נאקעט, און קעלט,
ס'איז עפּעס ניט ריכטיק אין גאנג פון דער וועלט!

צוקאָפּנס עס שטייט אים די נויט — הויט און ביין,
אן אויסזען — א וויסטן, און שטשירעט די ציין,
און נאָר זי דערמאָנט אים,
קעסיידער זי מאָנט אים,
זי ראַצט אים אין הארצן, און נאָגט אים, און רייצט:
— אָט איז שוין ווינטער — די שטוב ניט געהייצט!
א שניי און א קרירע — דו האָסט ניט קיין שטיוול,
דער דאך איז צעלעכערט בא דיר אפן שטיבל! —

אלמויני, ער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען.
— וואָלסט עפשער געגאנגען אן אויצער געפינען, —
זאָגט אים זײַן אומגליק. — וואָס איז דען, דיר פּאסט ניט?
דעם פּאָרעץ אין פאלעץ, אים, זעסטו, פּאסט ניט!

— טאָ וואָס וועסטו זיצן בא מיר, — זאָגט אלמוני, —
וואָס דארפסטו דען האָבן עוויוינים אזוינע?
גיי זיך אדורך צו דעם פּאָרעץ אין פּאלעץ,
און דאָרטן, מײַן צאָרע, דאָרט האָסטו אלעס:
אי אינדיקעס פּעטע,
אי פערד מיט קארעטעס,
און ווײַנען און טאָרטן,
און גרינס פונעם גאָרטן,
און בולקעס מיט פוטער,
א טכוירענעם פוטער.
מע וועט דיך באשוכן, מע וועט דיך באקליידן,
דאָרט וועסטו לעבן, ווי אין גאניידן!
בא מיר האָסטו מער ניט, ווי ווייטעק אין הארצן,
בא מיר האָסט א פּאָנעם א ויסטן, א שווארצן! —

אין ווינקל די האק מיט איר שארף שטייט און בליצט,
א שטאָלענער בליאסק אין דער טונקל פארקריצט...

— ווי קאָן איך זיך ווײַזן אזוי־אָ פאר לײַטן?
מע וועט דאָך אף מיר מיט די פינגער טײַטן!
אין אזא־אָ מין הוילעך איך זאָל דיך פארלאָזן,
אריבער די שוועל וועט מיך קיינער ניט לאָזן!
מאך א פּאָר שיך מיר, טו אָן מיר א בעגעד,
און גלײַך, בענעמאָנעס, פון דיר כ'וועל אוועקגיין!

— דעם קישן דעם לעצטן כ'בין גרייט אָפּצוגעבן
און אלץ, וואָס איך האָב נאָר בא לײַב און בא לעבן!
כ'וועל הייסן דעם שנײַדער א מאלבעש דיר נייען,
שטיוול דיר אָנטאָן, צווי וואָנצעס פארדרייען,
איך וועל דיך פארפוצן, איך וועל דיך באצירן,
אליין צו דעם טויער פון פּאָרעץ דערפירן,
געפין זיך, מײַן אומגליק, א בעסערן טאטן,
גיי זיך צו פּריצים אדירים — באלעבאטים!

אין ווינקל די האק איז ווי פריִער געשטאנען,
איר שארף האָט געגלאנצט — זי האָט בעסער פארשטאנען...

אלמויני געמיינט, אז געמאכט האָט ער בעסער,
איז אָבער די נויט אים געוואָרן נאָך גרעסער;
די הענט אירע לענגער,
די פיס, ווי די דרענגער,
און אויגן! — אויגאנעס — שטורקאצן,
דער מאלבעש, עס קריכט ניט,
די נעט אלע פּלאצן.
אז ווײ צו די יאָרן!
די נויט
פאר דער צײַט
איז נאָך גרעסער געוואָרן...
— באלעבאָס — ס'איז מיר קאלט!
באלעבאָס — ס'איז מיר ביטער!
אלמויני, דו גיבער,
אָט זע, ווי איך ציטער!
עס וואָיען די ווינטן,
די לאָדנס זײ רײַסן,
א רעגן א קאלטן
אין פענצטער זײ שמײַסן.
— מיט וואָס וועל איך איצטער די לעכער פארשטעקן?
מיט וואָס וועל איך איצטער מײַן דאלעס פארדעקן? —
אלמויני, ער גייט אזש אראָפּ פונעם זינען,
אלמויני, ער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען!

אין ווינקל די האק שטייט א גלאנציקע, שארפע,
זי וואַרט אף דער שאָ, ווען מע וועט זי באדארפן...

די נויט לאָזט אלמוינין ניט אָפּ אף קיין רעגע:
— נו, און די האק? — הייבט זי ווידער אָן פרעגן. —
עס איז נאָך אינגאנצן ניט ליידיק דאָס שטיבל,
די האק, באלעבאָס, איז נאָך איבערגעבליבן!

— ניין, כ׳האָב זיך אנדערש באטראכט, — זאָגט אלמויני, —
פאר איר אֶפּצאָלן ניטאָ אזא קוינע!
צו גרויס ביסט, מײַן אומגליק, בא מיר אויסגעוואקסן,
נאָר פעסט זיצט דער קאָפּ נאָך בא מיר אף די אקסלען;
פון מײַנע פארמעגנס פאר דיר וועט ניט קלעקן,
א שטעקן, ווי ס׳איז שוין באוווסט, האָט צוויי עקן...
שלאָגסט מיט איין זײַט, עס קלאפּט צוריק די צווייטע,
אזוי־אָ, מײַן צאָרע, דאָס רעדעלע דרייט זיך...
דו שרײַסט — ס׳איז דיר קאלט?!
נעם די האק אין דער האנט,
האק אויס בא דעם פאָרעץ דעם דעמבענעם וואלד!
דעם אויוון נעם הייץ!
ברעך אויס א לאָך אין זײַן שטיינערנער וואנט,
זאָל זיך שיטן דער ווייץ,
דער גאָלדענער ווייץ,
וואָס דו האָסט פארזייט!
פון זײַנער א פּאָלע וועסט האָבן א קלייד!
אף כאָרעוון שטיבל, נעם טו אָן א דאך,
פארשטייסטו שוין איצטער דעם טאָך פון דער זאך?
מיט דײַנע יאָדאיִם, מײַן נויט, מעג איך שווערן,
קאָן מען א גאנצענע וועלט איבערקערן...

און כאָטש יענע נאכט האָט ער גאָרניט געגעסן,
האָט אָבער אלמויני דעם הונגער פארגעסן.
די האק האָט א קאלטע געבליצט און געשוויגן.
די נויט נאָר געברומט האָט און גרימיק געשריגן,
ניט אופגעהערט אלמוינין צו נאָגן און מאָנען,
אז טאָמער פארגעסט ער, זי וועט אים דערמאָנען...

דער טאָג האָט שוין ערגעץ געהאלטן אין ווערן;
אין שויב האָט געשײַנט דער מאָרגנשטערן...

1960

מײַן טאַטנס קאַלענדאַר

קיין קאַלענדאַר איז בא אונדז נאָך ניט געווען.
קיין זייגער האָט קיינמאָל קיינער ניט געזען.
די צײַט פלעגט זיך גיין פון זיך אליין,
אופגיין די זון און ווידער פארגיין.
איצט קאָן מען מעסטן די צײַט אקוראַט,
אמאָל מ׳האָט קיין אנונג דערפון ניט געהאַט.
די מאַמע מיט העלצער פלעגט ציילן די טעג,
א שײַט אפן אויוון — א טאָג איז אוועק.
דער טאַטע — די צעפלעך באַם פערד אין דער גריווע.
(אין א וואָך פלעגט ער אויספלעכטן צעפּעלעך זיבן.)
די פריילעכסטע מײַסעס עס פלעגן פּאַסירן
(דעם כעזשבן פון צײַט פלעגט מען אָפטמאָל פארלירן.)
האָט איינמאָל בא אונדז א געשיכטע געטראָפן —
אין איין נאַכט איז דער טאַטע פאַר צוויי אָפּגעשלאָפן.

געווען איז עס ווינטער, א פרײַטיק א גרויער,
דער פראָסט אף די שויבן — אַן אײַזן, א מויער.
דער טאָג אזא קורצער, ס׳איז פינצטער געוואָרן,
פונקט ווי די נאַכט וואָלט געצויגן זיך יאָרן.
נו, לייגט מען זיך שלאָפן אזוי ווי דער שטייגער,
און דאָ איז, מיסטאַמע, ערשט דרײַ־פיר אזייגער.
א שניי גייט אין דרויסן, דער הימל פארכמאַרעט,
אין כאַטע מע כראָפּעט, אז ס׳גייט אזש א פּאַרע.
דערווײַל האָט דער שניי זיך שוין אופגעהערט שיטן,
דער הימל איז קלאָר, א לעוואָנע אינמיטן.
א בלענד האָט געגעבן דער פראָסט אף די שויבן,
פון שלאָף האָט דער טאַטע זיך אופגעהויבן,

געמיינט, ס'איז שוין טאָג, עס איז ליכטיק אין דרויסן,
גענומען זיך טאַבעק אין סטופּע צעשטויסן,
האָבער דעם פערדל געגאַנגען פֿאַרשיטן,
דעם פֿרײַטיק־פֿאַרנאַכט שוין אף שאַבעס פֿאַרביטן.
פֿאַרפֿלאָכטן א זעקסטן צאָפּ אין דער גריווע, —
נאָר איין טאָג צו זונטיק איז איבערגעבליבן.
אהין און אהער נאָך געדרייט זיך א ביסל,
א בולבע געגעסן און ברויט א פּאָר ביסן.
די צײַט איז פּאַמעלעך און נודנע פֿאַרלאָפֿן,
א צווייט מאָל דער טאַטע געלייגט האָט זיך שלאָפֿן.
עס איז אים דער זונטיק צו כאָלעם געקומען,
און נאָכאַמאָל האָט ער זיך וועקן גענומען.
ער זעט איצט בעפֿיירעש, אז ס'איז שוין באַגינען,
א ליכטיקע שפּאַרע אין שויב ר'האָט געפֿונען.
אין דרויסן דערווײַלע איז ליכטיק געוואָרן,
פֿונוווײַטן איז ערגעץ א שליטן געפֿאָרן.
ער הערט אזוי קלאָר, ווי עס קלינגען די גלעקער;
דאַכט זיך אים — שפּעט שוין, נעמט אלעמען וועקן.
אָנגעטאָן האָט ער דעם קאַפּטן דעם נײַעם,
ווי זונטיק עס פּאַסט זיך — געמאַכט א לעכאַיִם.
אין כאַטע איז ליכטיק און פֿריילעך געוואָרן.
און דאָ איז ערשט שאַבעס — א קלאָג צו די יאָרן!
דערזען האָבן שכיינים און קוועלן און לאַכן:
וואָס טוט זיך באַם שאָכן — מעשוגענע זאַכן!
א יאָמטעוו גאָר פּלוצעם, וואָס עפּעס אינמיטן?
— דער טאַטע האָט שאַבעס אף זונטיק פֿאַרביטן...

1957

אינהאלט

ה ע ר ש ר ע מ ע נ י ק. אײַזיק פּלאַטנער 5

דער יאָמטעוו פון שאפן

דער קוואל 11
„כ׳האָב ייִנגלווײַז ליב געהאַט זען, ווי מע בויט...” 13
אין וואלד אָנהייב פרילינג 15
מיידלעך אַף א בערגל ווייץ 17
אין די בערג 18
„כ׳האָב ליב די ברעגעס שטאָט...” 20
ס׳עפּענען זיך טירן 22
מײַן גליקלעכער שטערן 23
לעגינס וואָרט 24
גוורע 27
די זאַלץ פון לעבן 28
אין לײַכטן שלאָף 30

„קאלי לאסקא”

„קאלי לאסקא” 33
מײַן בענקשאפט 34
א נעסט 36
„און פלוצלינג דאָס לעבן ווערט גרינגער...” 38
ווײַסע רויזן 39
אין ווארשע האָט רוזשע געלאָזן א מאמען 41
דאָס הארץ פון דעם דיכטער 43
אָט די אלטע ערד... 46

די יעלן פאראקשנטע שוויַגן 47
מײַן ענטפער 48
„און נאָכאמאָל וועל איך באַזינגען די ליבע...״ 50
„עס וויל די כוואַליע מיטן יאַם זיך ניט צעשיידן...״ . . . 52
צוויי דעמבעס 53

די שטיינער פון מײַן גאַס

„טעג און נעכט כ׳הער ניט אויף צו לייענען לידער...״ . . . 57
„כ׳בין גאָרניט ניט שולדיק דער זון...״ 58
דו גייסט מיר ניט ארויס פון זינען 60
פרילינג אין מינסק 62
„כ׳וועל קיינעם ניט דאַרפן דאָרט פרעגן...״ 64
וועגן איינער א פאַסירונג 66
די שטיינער פון מײַן גאַס 68
צום קלעזמער 70
אין ראַם פון א פענצטער 72
באַם דענקמאָל פון יאַנקאַ קופּאַלאַ 73
אין פײַערלעכן וווּנדער 75

זעסט, מײַן קינד

כ׳וועל גיין צו דעם קליינוואַרג 79
זעסט, מײַן קינד 81
„געזען כ׳האָב די קליינינקע לאַכן פון גאָרניט...״ 84
ליובע־ליובינקע 86
„אפן גלאַטן אַספאַלט...״ 88
א גוטע בשורה 90

פון יענער זײַט יאַם

ליידיקע הענט 93
„הויכע פעסטע נעגער קומען אָן פון דאָרעם...״ 95
טײַמס־סקווער 96

9*

פאָעמעס

טאנדעטער 103
די בריק 109
צוויי שוועסטער 118

פאָלקסטימלעך

וועגן א שניידער, וואָס האָט פארגעסן א קניפּל אין פאָדעם צו מאכן 125
אלמויגי דער גיבער, די נויט און די האק 127
מיין טאטנס קאלענדאר 131

Платнер Айзик

СОЛЬ ЖИЗНИ

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1976, 136 стр.
План выпуска 1976 г. № 310

Художник *Г. А. Кравцов*
Редактор *А. Ю. Гонтарь*
Составитель *Д. Г. Платнер*
Худож. редактор *В. И. Морозов*
Техн. редактор *Т. С. Казовская*
Корректор *А. Б. Стрельник*

Сдано в набор 4/IX 1975 г.
Подписано к печати 30/XII 1975 г.
Бумага 70×108 1/32 № 1. Печ. л. 4 1/4 (5,95).
Уч.-изд. л. 3,76. Тираж 400 экз.
Заказ № 2809. Цена 40 коп.

Издательство «Советский писатель»
Москва, Г-69, ул. Воровского, 11.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва Г-19, пер. Аксакова, 13